א מענטש אהן א קאפ

אשיינע געשעכטע וואס טרעפט אלע טאג
בא יעדין מענטשין

אנאכט לעגער אין שאול תחתיה

אדער

אבאזוך אין דער אקאדעמיע פון דיא שדים

אין דער ביא

שיינע רעדין פון דעם גירעכטען פראפעסאר אשמדאי.

וועלכין ער האט גיזאגט אין איניווערזיטעט פון דער גרויס
גלערינטער קנאהיני לילית

אויף דער נייער רעפארמע פון דיא מזיקים וועלכעס ער האט פאר
גיגעבען דער מיניסטער. בכור מות

מיט דער מעניניע פון דעם שרעקליכען. שטן

פון מיר אוואליגעם שלושאטעל אין דער אקאדעמיע פון,
שווארץ קינצעראיי

א יוד אהן פוצין מרדכי אסטראווסקי מאירזיסמשיב

זיטאמיר

בדפוס מוה' יצחק משה נ"י באקשט

שנת תרלז לפ"ק

АМЕНЧЪ УНЪ АКОПЪ АНАХТЪ ЛИГЕРЪ ИНЪ
ШЕОЙЛЬ ТАХТІЯ

т. е. Ночлегъ Въ Преисподней Разказъ изъ
Еврейскаго Быта

ЖИТОМИРЪ.
Въ типографіи И. Бакста. 1876 г.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

Дозволено Цензурою Кіевъ 26 Ноября 1876 г.

אִינְהַאלְט דִיא קַאפִּיטְלֶעךְ

1 אַ יוֹם טוֹב אָהְן גְרִינְס אוּנ אַ מֶענְטְשׁ אָהְן אַ קָאפּ
2 נִיט פִיל גִיטְרַאכְט אִין גִיט גִימַאכְט
3 פוּן אוּרְזִיסְטְשִׁיב אִיז אוֹיךְ נִיט וַוייט פוּן דִיא שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה
4 אַיין אַלְטֶע יוּרֶענֶע מִיט אַ מָארְגֶעם שְׁלַייֶער
5 דִיא אִיבְּגְרַאפִּיֶע פוּן דֶער אוּמְבֶּעקַאנְטֶער
6 נִיט אַלֶעס וָואס בְּלַאסְקֶעט אִיז גָאלְד
7 אִיטְלִיכֶער הוּנְט אִיז אוֹיף זַיין מִיסְט אַגְרַאף
8 אַשְׁפָּאגִיל נַייֶער דִיסְפָּאהְט
9 וָואס אִיז דֶען אַזוֹינְס דֶער אַשְׁמַדַאי
10 וֶוער הָאט גִיגְלֵייבְּט זָאגְט אָהְן שְׁפֶּעט אַז שֵׁידִים הָאבִּין אַיין אוּנִי וֶוערְזִיטֶעט
11 אַקָאפּ פוּן אַמוּנִיסְטֶער
12 דִיא קְנַאהִינֶע לִילִית מִיט אִיר טָאכְטֶער תַּאֲוָה
13 דִיא שֵׁיינֶע מַאדַאם מָארֶע
14 צָרָה לַדֶּרֶךְ
15 אַ חָלוֹם אִין גַן עֵדֶן
16 דֶער אִיסְפִּיעךְ פוּן דִיא מַזִיקִים
17 דֶער פָּאטְשְׁטֶעלְיָאן
18 עֶפִּילָאג

ערשטע קאפיטעל

א יום טוב אהן גרינס און אמענטש אהן א קאפ

אין יאהר 1872 אין חודש סיון האבין מיר גיהאט ניט־קיין פריילעכין שבועות דען פיל יודין אין אונזער גרוהער שטאט אורזימטשיב האבין ניט גיהאט־קיין גרינס אויף שביעות אוודאי איז דער יום טוב ניט איין גיגאנגען אלע פרומע יודען ווארום אין אמת אז מע וויל זיך באטראכטין וויא עס קער צוא זיין קען מען פאר שטיין וואסער א פאנים האט דער יום טוב אז קיין גרינס איז ניטא וואס פאר א טעם קען מען פילען אין די מילינציעס אז מע עסט זייא ניט אינטערין רידיל עפים א קאטאוועס אום צוא ריידין שטאטיש גרינס אפילו די קריסטין וואס זייא עסין ניט קיין מילינציעס היטין זיך אויך אפ דאס גרינע איבער דעם האט זיך מיישב גיוועזן דער גאנצער עולם אז קיין גרינס איז יא ניטא דארף מען קיין מילינציעס אויך ניט עסין נאר אזוי וויא אונזער שטאט איז גאנץ גרויס גיפינען זיך אזעלכע ילדין וואס וואלטין גיגעסין מילינציעס אהן א רידיל האבין זיך באטראכט די נשים צדקניות פינים שטאט וואס אין זייער זכות באדארפין מיר אוים גילייזט ווערין אין האבין גימאכט טייער די פריפאסין קעז מיט פיטער אז קיינער זאל שוין ניט עסין נאר דאס איז אלץ פיו בידא מיך האט דעמאלט פאר דראסין א זאך מע זאגט אגוי דער ליינגערט דעם גלות איך האב דא גיזעהן פינקט פאר קערט אפילו די גויעס אז זייא האבין דער זעהן אז די נשים צדקניות צו וויא ריפט מען זייא אויף יודיש רייטש די סעדכים מאבין א יקרות אויף די פריפאסין האבין זייא אויך גיוואלט זיין אין כלל אין האבין גיהעכירט דעם מקח פון גרעסטין פריפאס דאס איז אייער ווייזט דאס מיר אוים אז זיי האבין קערצער גימאכט דעם גלות ניט דער ליינגערט נאר דער וויל זאגען אלע ארום גיגאנגען וויא אהן קעפ סטייטש ניט אזוי די מילינציעס וויא דאס גרינס ·
היינט מיינע לעזער קענט איר פאר שטיין מיט וואסער א קאפ בין איך ארום גינאנגען אז מיר זאגען זכות אבות בייא גשמאבין איך זאל יא קריגען

גרינס

גרינס אין קיין מלינציעס האב איך פארט ניט גיגעסן בין איך שוין קלאר גיוועזן אהן א קאפ. איך ווייס אפילו אז אים ווערין זאגין אז סע קען ניט זיין דען אהן אפיס גייט מען אויף א קיל אן אויגין פירט יענער אבער אן א קאפ ווייסט קיינער ניט וויא אזוי מע גייט ארום הא ניין! איר האט קיין מאל ניט גיזעהן ארום גייען א מענטשין אן א קאפ? האט זיא מיר מיינע פריינט קיין פאראיבעל ניט איר זאגט ניט קיין טרעפירס איר טרעפט נאך ערגער וויא א מאל דער לוח אין נאך ערגער וויא היינט דער וועלט לוח האט וועל איך אייך זאגין וויא אזוי מע גייעט אהן א קאפ אויב איר האט גיזעהן אמאהל קאנטיג באנאכט די א מתים אין דער צייט ווען זייא תאפין זיך ארום פון דיא קברים אין איינע מכריהימליך אין לופין אופין פראכט אין דער קאלטער שוועל דאווענען אין אויב ניט האט איר גיקערט זעהן האנטיקע ליבדיגע מתים וועלכע צימערין אויפין פראכט שפאצירנדיג אקיגען דער שיין פון דער לבנה דיא איינע גייען אהן קעפ ווארום דיא קעפ ליגין ביי זייא ביידע טיף אין דער ערד נאך א באשפיל קען איך אייך גיבין אויב איר האט גיזעהן ווען סע איז א מענטש וואס גייט ארום אין עולם התוהו נאך א תיקון זייא גייען אויך אהן קעפ ווארום זייערע קעפ ליגין באם שווארצין יאר אין זייא גייען ארום נאך תקונים דיא האט איר ווען גיקערט זעהן דען זייא זאגען היינט פיל אין אלע גאסין סע בלאנדזין מענטשין פון אלע קראסין אזוי וויא דיא ווילדע לייט אזוי אויך דיא גיבילדיטע פון דער צייט איך האב אליין גיזעהן טויזנטער זאגען פיל אין אלע גאסין נאר מע מוז זיך צוא זייא גיט צוא קיקען צוא האבין זייא קעפ פון מענטשין קיקען הושענא רבה אויפין שאטן נאר פון דארט קען מען נאר ניט וויסין דען סע קען גראד זיין אז מע זאל האבין א שאטן פון א קאפ אין קיין קאפ אליין ניט איך האב גיזעהן פיל מענטשין וועלכע האבין שאטנס פון קעפ אין קיין קעפ אליין ניט האט פריוואט טוט א טאפ עטליכע פון אונזערע קליין שטימלדיגע נגידים וועט איר זעהן אז זייא האבין קיין קעפ ניט דען זייער קאפ איז שוין לאנג פאר זעצט ער איז אזוי פיל שולדיג אז ניט נאר דער קאפ אפילו דיא האר זאנען אויך ניט זיינע האט פריוואט אומיכטין טוט א טאפ אונזערע גרויסע חסידים מיטען גאנצען יראת שמים וועט איר אויך פילין אז זייא זאגען אן קעפ אין אלדינג וואס זייא טוען איז אויך מיט א כוונה צוא פאר בלענדזין יענעם דיא אויגין אין אויב איר וועט זיך ניט פולין מוגט איר זיך פאר גינען אהן טאפין אפילו עטליכע פון אונזערע גיבילדיטע פראגרעסיסטען וועט איר זעהן אז זייא גייען אויך ארום נאר מיט מנישקעס אבער אויך אהן קעפ מיר קאנען דא פרעגין

עֶטְלִיכֶע ווִילְדֶע קַשְׁוֹת פַאר וָואס אַמָאל פְּלֶעגִין שְׁפַּאצִירִין גִיזִינְטֶע מֶענְטְשִׁין
אִין טוֹיטֶע זַאנֶען גִילִיגִין אִין דֶער עֶרְד אִין הַיינְט לִיגִין לִיבֶּעדִיגֶע אִין דֶער
עֶרְד אוּנ אִין דִיא גַאסִין זֶעהְט מֶען טוֹיטֶע שְׁפַּאצִירִין, פַאר וָואס אַמָאל
אַ נָגִיד פְּלֶעגְט הָאבֶּען אַ סַאך גֶעלְט אִין הַאנְט אַ סַך נְגִידִים הָאבֶּען נִיט
קַיין בִּיסֶל אוֹיך, פַאר וָואס אַמָאהל זַאנֶען אַלֶע חֲסִידִים גִיוֶועֶן פְרוּם אִין
אַלֶע גִיבִּילְדִיטֶע קְלִיג, אוּנ הַאנְט זַאנֶען דִיא נִיט פְרוּם אוּנ יֶענֶע נִיט קְלִיג,
פַאר וָוס יאַמָאל הָאטְשׁ דִי חֲסִידִים הָאבֶּען פִיל גִילֶערִינְט פוּן דֶעסְט וֶועגִין
הָאבֶּען זַייא גִיקָאנְט דַאוִוינֶען אוֹיךְ אוּנ הַאנְט תָאטְשׁ זֵיי לֶערְנִין גָאר נִישְׁט
אִין דַאוִוינֶען דַוְוקָא מִיט הִתְלַהֲבוּת אוּנ קֶענִין פָארְט נִיט אַ שַׁאטִיל עִבְרִי.
פַאר וָואס אַמָאל פְלֶעגִין מֶענְטְשִׁין טוֹיזֶענְטֶער לֶערְנִין פִיל קֶענְטִינִישׁ אוּנ
שְׁפְּרַאךְ אוּנ אֵיינֶער פוּן זַייא פְלֶעגְט זַיין אַ מְחַבֵּר אוּנ הַאנְט אִיז פוּן טוֹיזֶענְט
גְרָאבֶּע יוּנְגֶען נַיין הוּנְדֶערְט נַיין אוּנ נַאנְצִיג מְחַבְּרִים אִין דֶער לֶעצְטֶערְזַאִיז
אָהן אַלֶע קֶענְטֶענִישׁ גְלַאט אַ גְרוֹיסֶער אַרִיסְטֶעקְרַאט. נָא מַיינֶע פְרַיינְט
גוּטֶע קְלָאץ קַשְׁיוֹת אִיךְ וָואלְט אַייךְ גִיפְרֶעגְט נָאךְ עֶטְלִיכֶע קַשְׁיוֹת נָאר
אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹ אוֹיךְ אִיבֶּער גִיפָּאצֶעוֶועט דֶען פֶּסַח בַּאנַאכְט אַז מֶע פְרֶעגְט
נָאר פִיר קַשְׁיוֹת מַאכְט מֶען אַזאַ גְרוֹיסֶען פַאראַד אִין מֶע דַארְף עֶנְטְפֶערִין
אַזַא לַאנְגֶען תִּירוּץ הַאנְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פִינְף קַשְׁיוֹת טָאמֶער וָואלְט
אַ סְבָרָה גִיוֶועֶן אַז אִיר זָאלְט מִיר עֶנְטְפֶערִין אַ תִּירוּץ אוּנ נִיט וֶועל אִיךְ
מִיר אַלֵיין עֶנְפֶרִין וָואס אִיז דֶער תִּירוּץ עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם
אַמָאל זַאנֶען מִיר גִיוֶועֶן קְנֶעכְט בַּייא אַיין פַּרְעֹה בַּייא אַוִילְדִין שְׁלֶעכְטִין
קֵינִיג הָאט אוּנז גָאט גִיבֶּער אוֹיס גִיצוֹיגֶען פוּן דָארְט אָבֶּער הַאנְט זַאנֶען
אוּנְזֶערֶע אַלְטֶע לַייט פַאר קוֹיפְט צוּ דֶער פִינַאטִיֶע אוּנְזֶערֶע יוּנְגֶע לַייט צוּ אַיין
נַארֶעשׁ בִּילְדִינְג אוּנְזֶערֶע טַאטֶעס הָאבֶּען צוּ טָאן מִיט אַ פַּאר שְׁטֶעלְט חֲסִידוּת
אִין מִיר מִיט אַ פַאלְשֶׁער הַשְׂכָּלָה אִין אַלֶע אִין אֵיינֶעם מִיט אוּנְזֶערֶע
וַוייבֶּער אִין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זַאנִין פַאר קוֹיפְט אוֹיף אֵייבִּיג צוּ דֶער
שְׁלֶעכְטֶער מָארֶע אַזוֹי אַז מִיר קָאנֶען קֵיינֶער קַיין קָאפּ נִיט אוֹיף הֵייבֶּען
מִיר גֵייעֶן אַלֶע אַרוּם אָהְן קֶעפּ מוּגֶען מִיר זִיךְ אַלֶע מַתִּיר נֶדֶר זַיין זָאגְט
זֶע מִיר נָאךְ אַלֶע מִיטִין קוֹל אִין מִיטִין נִיגוּן פוּן כָּל נִדְרֵי. כָּל אַלֶע
נְגִידִים אִין אַלֶע חֲסִידִים אִין אַלֶע פַאר ווִילְדֶעטֶע אִין אַלֶע נֶעבִּילְדִיטֶע
וָואס מִיר הָאבֶּען אַמָאל גִיהַאט אִיז הַאנְט נִיטָא אוּנְזֶערִי נְגִידִים הָאבֶּען
קַיין גֶעלְט אוּנְזֶערֶע חֲסִידִים זַאנֶען פַאר-שְׁטֶעלְט אוּנְזֶערֶע פַאר ווִילְדֶעטֶע
זַאנֶען גָאר נִיט אַזוֹי גְרָאבּ אִין אוּנְזֶערֶע גִיבִּילְדֶעטֶע הָאבֶּען אוֹיךְ נִיט קַיין
קָאפּ הַשַּׁתָּא הָכָא הַנְטֶעגְס יָאהְר אִיז אַזוֹי אִיבֶּער אַ יָאר גָאט ווַייסְט
אִיךְ וָואלְט דַוְוקָא גִיזָאגְט וָואס אִיבֶּער אַ יָאר וֶועט זַיין נָאר אִיךְ הָאבּ

מורא

מורא איך וועל ניט טרעפין אי אמאי האט דער וועלט לוח איך ניט גיטראפען, ערטער ווייס ער האט אבער אליין גיענטפערט א תירוץ וואס קומט דעם לוח אז ער טרעפט ניט אבער מיר וועט זיך יא עפים קומען וויל איך ניט זאגען בפרט איך אליין בין אויך אהן א קאפ וואס בדארף איך טראכטען ארום פרעמדע קעפ אמער וועל איך לויפען אין קלויז אריין דארט לערנין זיך טוזינטער מענטשין וויא וועל איך דארטין ניט קריגען א קאפ אויף מיין מאס אביסל גרעסער. אויך גישקשה נאר טאמיר קלענער אדאס איז שלעכט וועט מען זיך מיר הייסען דער קארטאז זאהל איין דארין אין דאס פאסט מיר גראדע נישט דען איך וועל זיך מיזען גייען אין א פרעמדער היטעל נאר קלער פון האנט ביז איבער א יאהר קען זיך מיר גאר ניט העלפין לאז גייען וויא אזוי סע גייעט איך גייא אין קלויז אריין אגוטען טאג :

צווייטעם קאפיטעל

ניט פיל גיטראכט . און גוט גימאכט .

איך קום צו גייען אין קלויז אריין אין הייב אהן זוכין א קאפ גיטא א פיצעל ווארום אין אמת אמאהל אז דיא קלויז איז גיוועזן פיל מיט לערנערס האבען וויא גיהאט קעפ אבער האנט אז קיינער לערנט ניט אין קלויז קאם וואס מע קלויבט צו נויף א מנין אויף דאווינין וויא זע וועט זיך נעמין אהין א קאפ . איך זיך סע איז ניטא דער ווייל דער זעה איך אגוטען ברודער פרעג איך אים וואס טועט מען אהן א קאפ . וואס הייסט ענפערט ער טוא וואס אלע יודען טוען אז וויא האבען ניט קיין קעפ גייען זייא אהן קעפ נאר פון דעסט וועגין אז דוא ווילסט קום צום שמש לאמיר אים פרעגין טאמער האט זיך ביי אים פאר וואלגערט א וייער גלאך מיר קומען צו אים און הייבען אים אהן פרעגין מאכט ער פון אונז דאס גרעסטע גילעכטער חא חא איך קלויב ניט אין קלויז קיין קעפ מיר קלויבין נאר שטיקלך מיט מויל—מעל דאס איז ביי אונז א מיסחר מיר זאהגען פאר שעמט גיווארען אין גייען ווייטער מיר האבען איבער גיקערט דיא קלויז הארע קאהרע ניטא קיין קעפ מיר האבען דארטען גיזעהן מענטשין וואס ניט גינוג וויא האבען קיין קעפ האבען זייא קיין אויגען אויך ניט אין לעבין נאר מיט דיא אויערין יענע

פרעגין

פְרֶעגִין מִיךְ וָואס טוּיג מִיר אַ קָאפּ זַייא וִוילִין מִיר אַיינְרֶעדִין אַז אוֹיגְן
זָאגְן אוֹיךְ אִיבֶּערִיג מֶע מֶעג זַייא אוֹיךְ נִיט הָאבֶּען. נָא נָא. גִינוּג אִיךְ
גִייא אָהִן אַ קָאפּ זָאהל אִיךְ נָאךְ בְּלִינְד וֶוערִין אוֹיךְ אִין גֵייעְן נָאךְ
יֶענְקְס קוֹל גְרוֹיבֶּען דִיא אוֹיעֶרִין פִּישׁ נָא, זָאגְט שׁוֹין וָואלְט אִיךְ נִיט
גִיוֶוען אַ מְשׁוּגֶענֶער אִיךְ זָאל זִיךְ לָאזִין אוֹיס שְׁטֶעכִין דִיא אוֹיגֶען וָוס אִיז
יֶענֶער וֶועט מִיךְ פִירֶען אִי דָאס נִיט פַר דֶער הַאנְט וִויא מֵיינְט אִיר עֶר
זָאל רֵיידֶען אִין אִיךְ זָאל גֵייעְן נָאךְ זַיין קוֹל נִיט קַיין שְׁלֶעכְטֶער פְּלַאן
דַאכְט מִיר ווֶעדְלִיג דֶער וֶועג אִיז פִּיל מִיט בְּרָאהְטִים בַּארְג אַרוֹיף בַּארְג
אַרָאפּ וָואהלְט אִיךְ מִיךְ גִיהַארְגִית אַכְצֶעהְן מָאל אַ טָאג אִיךְ וָואלְט גוּט
פָאר פְּרָאהְשִׁיא דִיא נָאז גָא הָאבּ אִיךְ נִיט גִיוָואהלְט בַּיי שְׁטֵיין אוֹיף אַזַא
פְּלַאן חַלֶעבִּין מֶע הָאט מִיר נִיט וָואס פַאר אִיבֶּל צוּ הָאבֶּען אַדְרַבָּא זָאגְט
וֶוער אִיר זָאגְט מַיינֶע לֵייוֶוער צוּ אַ יוּנְגֶל צוּ אַ מֵיידִיל אִיר וָואלְט
גִירָאטְן נִיט אוֹיס שְׁטֶעכִין נָאר פַאר בִּינְדֶן דִיא אוֹיגֶען אוֹיף אַיין מִינוּט
אִין אוֹיס קְלוֹיבֶּען אַ חָתָן צוּ אַ כַּלָּה נָאר מִיט הֶערִינְג פוּן דִי אוֹיעֶרִין
אַ יָא זַיין הַאנְט זָאגְט זַיא מִיר וָואס קוּמְט מִיר דֶער פַאר אַז אִיךְ וִויל
זִיךְ נִיט לָאזִין אוֹיס שְׁטֶעכִין זַייא אוֹיגֶען אוֹיף שְׁטֶענְדִיג קוֹפִּין אַזַא גְרוֹיסֶע
רִידְנֶע בְּלִינְדֶער הֵייט אַזוֹ וִויא אַיין אֶתְרוֹג עֶפִּיס אַ וֶוערְטַעל רוּלְגֶע.
אַ סֶע אִיז נִיט גְרִינְג אוֹיס צוּ רֵיידֶען זִיךְ פַאר לָאזִין אוֹיף יֶענִים גָאט
וַויִיסְט צִי וָואס מֶע קֶען קוּמֶען הָאבּ אִיךְ נִיט גִיוָואלְט אִין בִּין דַאכְט
מִיר גִיט אוֹיבּ גִירֶעכְט אָבֶּער נִיט אַזוֹ גְלַאט אִיז דָאס מִיר אָפּ גִילָאפֶּען דֶען
מֶע הָאט מִיךְ פַאר טוֹיבְט דֶער שְׁרַייעְט אִיךְ בִּין פוּן זוּנֶען אַרָאפּ דֶער
שְׁרַייעְט אִיךְ בִּין מְשׁוּגֶע אַנְדֶערִי זָאגֶען גָאר אִיךְ בִּין אַכּוֹפֵר בְּעִיקָר אַיין
אַפִּיקוֹרֶס אִיךְ הָאבּ גִימוּזְט אַוֶועק גֵיין פוּן דָארְט אִיךְ גֵיי מִיט מַיין גִיזֶעלִין
אִיבֶּערִין שְׁטָאט נִיטָא קֵיין קֶעפּ אִין עֶרְגִיץ אֶט וַייסְטֶע גָאר וָואס זָאג
אִיךְ צוּ אִים גֵיי דִי אַהֵיים אִין זֶעץ זִיךְ לֶערְנִין דֶען דוּא בִּיסְט נָאךְ צוּא
יוּנְג אִין אִיךְ וֶועל גֵיין אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין טָאמִיר וֶועל אִיךְ קְרִיגֶען
עֶרְגִיץ אַקָאפּ וֶועל אִיךְ בְּרֵיינְגֶען אַהֵיים אִין מִיר וֶועלִין זִיךְ בֵּיידֶע אַיין
טֵיילֶען, זַייעֶר שֵׁיין עֶנְטְפֶערְט עֶר מִיר גֵיי אִין וֶועג גְלִיקְלֶעךְ אִין דֶער
גְרוֹיסֶער גָאט וֶועט בִּיר הֶעלְפְט אַלֶע וֶועלְכֶע פַארְשְׁטֵייעֶן אִים אוּנ וָואס פוּן
דַיין עֶהְרֶע וֶועגִין ווֹכִין מִיר קֶעפּ זָאל זַיין אִין דַיין הִילְף אִין דִיר צוּ שִׁיקֶן
אַגוּטֶען קָאפּ גִיךְ אִין גִיט זָאלְסְט זִיךְ אִים קֶערִין אַהֵיים בַּאלְד נָאר פַאר
גֶעסְט נִיט מַיין בְּרוּדֶער וֶוער. אִין פוּן וַואנֶען דוּ בִּיסְט. וִויא אַהִין אִין
נָאךְ וָואס דִיא גֵייסְט. דִיא פִיבּ זָאבֶּען זָאלְסְטוּ נִיט פַאר גֶעסִין דִי זָאלְסְט
זַיי נִיט אָפּ לָאזֶען אוֹיף אַיין מִינוּט פוּן דַיין זִיגֶען דֶען דֶער ווייל קֶענְסְטוּ מִיט

דִיא

דיא אויגען זעהן שאטינס פון קעפ אין איין האנדלין דאס פאר גוטער
כחורה זעה זיא ניט פאר געפ דען דער וועג איז שטארק אפאהגע איך
וועל דאכט מיר ניט פר געסין זאג איך אין נייטער ראו זיך זיין וואס עס
וויל זיך איך מוז גיין זאיי גיזינט איך האב זיך אויס גיוויינט גישמאק
גינומען נאט אין זונין פר צידה לדרך אקלימיקעל בטחון אויף די פלייצית
אין דאנוואיי באך נאגי, אסנוישין אין פאטשאהל איך האב נאר אהן
גיהייבען גיין אין וויעגאין וויים איין ניט וויא אהין איך גיי צו וועל איך
אהין קומען אין אגוט ארט אדער איך וועל פר קריבען צום שווארץ יאהר
אין די ציין קאם בין איך אפ גיגאנגען עטליכע ווערסט פון דער היים
איז גיווארען אשטירום ווינט אגיוואלד באלד האט זיך אהן גיוואלקענט
אז כע איז מיר גיווארען פינצטער אונ דיא אויגען איך האב דיא וועלט
ניט גיזעהן פאר זיך פליצלונג האט אן גיהויבען דינערין אין בליצען
זייער שרעקליך סע האבען זיך אויף גיעפינט אלע פענצטער פינעס
הימעל אין סע האט אהן גיהויבען גיסען אשלאקס דיגען טאקע נאר
אמבול איך בין גיווארען נאס וויא א האן פון דער פאמיניצע אין בין
גילאפען מיט אלע מיגלעכי קרעפטין אין בין גיקומען אין א גידיכטען
וואלד דארט בין איך גיפאלען אונטער אבוים אונ סע איז בידויא איר
קענט זיך מעלדין וויא ביטער איז מיר גיווען אויף מיינעם הארצען ביי
אזוי אין שרעקליכער סצעני דער ווינט וויעט מיט אקעלכע צו טשאדני
קוחות אז סע שודערט דאס לייב אין דער דינער קלאפט אים צו צום
מאקט אז כע וועט דער ציטערט יעדער איבר אלע מאל טוט אבליין·
פאר בלענד די אויגען אז איך מיין דיא גאנצע וועלט ברענט פון יעדער
גערויש פון די בוימער ווערט אזא פחד אז דיא האר שטעלין זיך קאפויר
פון יעדיר זאוקירע ווערט אנט פאלען דער מיטערס מילעך איך האב
גימיינט איך וועל דא אום קומען איך האב זיך גרייט גימאכט צום טויט
מיט האפינע אויגען האב איך אים גיזעהן וויא ער גייט צו מיר מיט
ברייטע טרעט אין האלט אפין זיין מויל מיך איין צו שלינגען אך וויא
שרעקליך איז ער אין דער מינוט וואס מע זעט אים איך האב זיך אוואריף
גיטאן מיט די קניען אויף דער ערד אין האב אויס גיגאסין מיין גיבעט
פאר גאט מיינע אויגען האבין זיך גיעפינט וויא צוויי קוואלען וואסער
מיין גיפיל האט גיזעצט ווערטיר פון מיין מויל אין האב זייער הערצליך
גיבעטין דאס פאלגינדע גיבעט די גרויסער גאט, דוא האסט באשאפען
דיא גאנצע וועלט דיא פירסט זיא מיט דיין קלוגהייט פון דיר גייען קיין
שלעכטע זאכען ניט ארויס וואס. איני ווייזט זיך אויס שלעכט איז

גראדע

גראדע גיט זעלבסט דער טויט דיא ערגסטי זאך אויף דער וועלט איז אויך
זייער גוט דען מיר לעבין מיר זאלען שטארבען אין שטארבען אז מיר
זאלען לעבין דער טויט פירט אונז צו אייביג רוהיג א גאט, אין איין מינוט
קערסטו איבער די גאנצע וועלט דיא זאגסט איין ווארט הערט אויף
לאכטין דיא זון די לבנה מיט די שטערין ווערין אהן זייער שיין מיט איין
ווינק פון דיינע אויגען צינדסטו אהן אפייער אין דער גאנצער וועלט
מיט דיין ווילין מאכסטו פינצטער דעם לעבטיגסטין טאג איך פיל אז די
ווילסט איצט פינסטער מאכען דיא זון פון מיין לעבין די ליכט פון מיין ביסל
יאהרין לעשט אויס אירע לעצטע שטרייכען איך זע דעם טויט ניט ווייט
פון מיר באשעפער גאר ווייניג יאהרען האב איך גילעבט אויף דיין וועלט
אי דאס אהן אקאפ איך שרעק מיך ניט פארין טויט וויא אלע גרויסע נארין
וועלכע מיינען אז זייא מוזען אזוי לאנג לעבין ביז זייא וועלין זיך אן זעטין
מיט אלע נאריישקייטין ניין איך האב נאר גיבעטין שטענדיג איין זאך וועלכי
איך ביט היינט אויך גיב מיר אויף אצייט אקאפ לאס איך וויסין וואס בין
איך אויף דר וועלט לאס איך קענין ביי שיידין די פראגין וועלכי ערוועקין
זיך אין מיר וועל איך נאכדעם מיטין גרעסטין פארגניגען אפ ווארטען די
מינוט ווען דער טויט וועט מיך קומען נעמען אין זיין שיף דען ער איז ניט
מער וויא אשיפער וואס פירט איבער מענטשין פון דער זאט טייך אויף
יענים אין ברייננט זייא צו איין אייביג באוואונט לאנד אבער צונד אז
קיין קאפ האב איך ניט קיין ענטפער אויף מיינע פראגען ווייס איך ניט
שרעק איך מיך פאר דעם פארכמליכען טויט דיא מארך ציטערט מיר אין
אין דיא קנאכין ערבאריס זיך אויף מיר גרויסער שעפער אין יאף מיר
אקאפ מיט עטליכע שטאנדען לעבין דען איך האב נאך צוא הויזע גילאזט
אגוטען ברודער וועלכער גייט אויך אהן אקאפ לאס איך אים לאזין ערבין
דיא קאפ וואס דוא וועסט מיר גיבען וועט ער ניט בלאנזען ווא שאף אהן
אפאסטיך אך מיינע אויגען ווערין טינקעל מיינע גידאנקען בלייבען שטיין
איך האב שוין מער קיין קראפט צוא ריידען אין דיינע מעכטיגע הענד
באהאלט איך מיין נאכט, וויא איך האב נאר גיענדיגט דיא רייד האט אויף
גיהערט דער ווינט מיט דעם ריגען סע האט זיך זייער שיין אויס גילייטערט
דיא קניגען פון דער נאכט האט זיך גישטעלט אויף דער מיט הימעל צוא
באלייכטען דיא וועלט אין צו איר לויטער שיינהייט האט זיא אהן גיטאהן
אקרוינדעל פון מיליאנין לויטערי שטערענדליך וועלכע בלאיסקען וויא
בערלאנטען מיר הט ארין גישאנד אשטראל פון האפונג הב איך מיך אויף
גיהויבן אין גיי פאמילעך קיין וועג האב איך ני׳ גיוויסט גייא איך אן אוועג :

דריטעס קאפיטעל

פון אירזיסטשיב איז אויך ניט ווייט צום שאול תחתיה.

וויא איך האב זיך דא גילאזט גיין ניט וויסענדיג וויא אהין בין איך אין א קירצער צייט אן גיקומען צו איין גרויסען בארג ארונטער אז סע איז שרעקליך מיט דעם אויג צו זעהען וואלט איך גיהאט אקאפ וואלט איך אין אזוינע אפאסנע ערטער ניט גיקראכען דען איך וואלט זיך זעכער צוא זעצט דעם קאפ נאר אז קיין קאפ האב איך ניט איז ניטא וואס איין צו שטעלען קריך איך ביז ארונטער פון דעם בארג אין אזא פינצטערער גריב אז מע קען שוין אן אקאפ אויך אן טאפען דאס פינצטערניש א מאיגרא רמא לבירא עמיקתא פון אהויכען בארג אין אטיפען גריב איך זעה אגרויסען מויער אויף וועלכען עס היינגט אשילד מיט גרויסע באכשטאבען גישריבען עמק השדים איך שטייא אין קלער וואס הייסט דאס דען איך האב פאר שטאנען וויא שרעקליך איך בין פאר קראכען פליצינג הער איך אגרויס גילעכטער האט אויב גיפלאצט פון דעם מויאר אונ זינגט אט דיא פאלגענדי ליד.

דא איז דער שאול תחתיה דיא שווארצע קיניגרייך, איך שדים גיב איך א ידיעה קומט אהער אלע גלייך, אונזער קיניג דעם שטן דעם שרעקליכען מלאך המות איז צונד גיראטען, צו טרייבען מיטן יונגל אלץ קאטאוועת, קומט זיך באלד צו נויף שדים פון עק צו עק, ביא אונז אין הויף, שטייט דער יונג אין שרעק, דער קיניג האט אים גיבראכט צו שפילען מיט אים אשפיל, נא ניט פיל גיטראכט, מאראש הייעט ניט פיל.

אגאנצע קאר ענפערט.

אדיינק אביינק שוין זייער לאנג, ווילען מיר קריגען דעם פאר גיניגען אמענטשין תאפין, אינ דיא הענט דערטאפין, כוטשין אים גיט, אפאר מינוט. ער זאל באלד, שרייאן גוואלד, ער האט דיא זכיה, זיין אין שאול תחתיה, נא ניט שטייט, מאכט זיך גרייט, הייבט אן לאבען קומט אים א ברוך הבא מאכען.

דאס הערענדיג האט מיך אן גינומען אשרעק עס איז מיר פאר קילט גיווארען אין פיפיק איך פאר שטייא אז איינער פון מיינע לעזער וואלט ניט גיוואלט שטיין דער ביא אונ אנדערי וועלען גאר זיך שרעקען צוא

לעזן

לעזין נא שרעקט זיך ניט נאר איך וועל אייך בעטען איר זאלט מיר
קיין פאר איבעל ניט האבען איך ווייס אז איר ווילט שוין גיבער הערין
וואס די מזיקים האבען מיט מיר גיטאן איר זאגט זעהער גירעכט אבער
איך בין אויך גירעכט מוז איבער שלאגען די גישיכטע אונ אייך
דער ציילען אין קירצען אקליינעקייט הערט מיך אויס מיט חשק עס
וועט בייא אייך זיין אן גילייגט צו ריק מיט עטליכע יאר אז איך האב
גילייענט דאס ערשטע מליצה ביכעל אונ האב שוין גיקוקט רחמנא
ליצלן אין טרייף פאסיל ארייין האב איך גיהערט פון אסך מענטשען אז
מען ווערט איין אפיקורס דער פון מען גלייבט ניט אין קיין זאך מען
לאכט פון אלדינג האב איך גימיינט אז עס דארף אזוי זיין מען טאר
ניט גלייבען מע מוז לאכען אונ ניט קען מע ניט, מע הייסט ניט קיין
אבראזאוויט מענטש איך האב דאך אבער גיוואלט זיין אקליגער מענטש
האב איך ניט גיגלייבט אין קיין זאך אין האב גילאכט פון אלדינג אמאל
האט זיך מיר גיטראפען צו די הענט אשמייעס פונם שאול תחתיה האב
איך נימאכט דאס גרעסטע גילעכטער איך האב גיפרעגט פא־ וואס
שטייט ער ניט אויף דער לאנד קארטע דעסט גלאכין פון שדים פון
רוחות איך פלעג וועק מאכין פון זייא אונ היינט צו מיין הארין ווייטאג
בין איך מודה בפה מלא אז עס איז ווירקלאך אמת אלדינג סע איז
דא אשאול תחתיה אונ ניט נאר פון אגרויסער שטאט קען מען אהין
טרעפען אפילו פון אזא פיכטקע וויא איר זיסטשיב קען מען אויך אהין
טרעפען סע איז גאר ניט אזוי ווייט וויא איך האב נימיינט מע דארף
אראפ אין דער זייט פונים גלאבען גאנג איז מען שוין דארט אונ וויא
איך פאר שטייא היינט קען מען פון אימעדים אהין טרעפין דעסט גלייכין
שדים וועלכע מילען מזיק זיין מענטשין זאגען אויך דא זייער פיל וויא
איך וועל אייך דער ציילען איר מעגט מיך אפילו האלטען פאר אליגנער
סייגען אז איך נאר אייך אפ אבער איך זאג אייך דעם אמת אויב איר
ווילט זייא זעהען גייט פאר שפארט זיך בייא אייך אין אלקיר אונ בייא
טראכט זיך ניט וועט איר זעהין אלע שדים וועלכע זענען אייך מזיק
אונ איר פילט גאר ניט אבער איך האב שוין דערמאנט דער פילט
היינט וויא פינצטער איז מיר גיווען אופין הארצען אז איך האב דער
זעהען גאנצע מתנות וואס איך האב גימאכט פון זייא אונ הער אז דער
שטן האט סך נאראצני גיבראכט אהער ער זאל זיך אן רייצען מיט
מיר אויס גיצייכנט אלע מיינע פייטן ווינטש איך זייא זאלען זיך אן
הייבען מיטין שטן איך בין גישטאנען אקורצע ווייל איך זעה עס האבען

אלאז

אלאז גיטאן שדים נאר וויא זאמר אין מעסט אין האבען גיזינגען אהעליכשן
מארש אז סע האט פאר טובט דיא וועלט מיר דאכט אז דאס איז דער
מארש וואס זייא זינגען בעת דיא מתים פריגלען זיך אין דיא קעסלען
נאך זייא איז גינאנגען לילית מיט איר גאנצער סוויטע, אופין לעצט
דער שטן אליין איך האב ניט פאספיאיט אים רעכט אן קיקן האט ער
אגישרייא גיטאן אהא אדאם איז דער פיינער בחור וועלכער האט פון
אונז גילאכט געבט אים פירט אים אריין טיף אין שאול תחתיה לאז ער
וויסען ווער מיר זאנען דא האבען זייא מיך אמאכקע גיטאן טאקע נאר
אזוי וויא דיא שדים אונ האבען מיך גיבראכט אין אטיפער פינצטערער
גריב דא האבען זייא מיך אוועארף גיטאן בין איך גיבליבען ליגען אויף
דער ערד אליין זאגען זייא ארוים מיט אזא גישווינדיקייט טאקע נאר
וויא דער רוח האט זייא גיטראגען איך בין גיבליבען איינער אליין אונ
טראכט וואס וועט דא זיין פון מיר איך האב דעמאלט גיזעהען וויא
אמת אינ ניט איז. דאס ווערטעל וואס דיא גמרא זאגט (גמלא אזלא למבעי
קרנא, אודנא דהוי ליה גביין מניה), דאס הייסט אקעמעל איז גינאנגען
זוכען הערנער האט מען אים אפ גישניטען דיא אויערען אויך אזוי איז
מיט מיר אויך איך בין גינאנגען זוכען אקאפ אונ ווער דאכט מיר פאר
לירען דאס לעבען אויך ווארום אין אמת קען איך דען האפען אז דיא
שדים וואס זייער גאנצער פארגינינגען איז צוא מיטשען מענטשען זאלען
זייא מיך לאזען לעבען בפרט איך פאר שטייא אז מיך וועט מען דא
מאכין פאר אמורד במלכות איך האב גילאכט פון זייער קיניגרייך זייא
וועלען זיך שוין אין מיר נוקם זיין גיט נאר טראכט היינט טראכט מארגען
וואס קען איך אויס טראכטען מען דארף זעהען וואס דער סוף וועט זיין
איך האב זיך דא קיין אנדער ברירה ניט, אך גאט מיין גאט האב איך
אגישרייא גטאן וויא אהין האסטו מיך גיבראכט וויא איך האב נאר
גיזאגט דיא צווייא ווערטער הער איך זייער אזיסע שטימא זאגט ווער
דער מאנט גאטס נאמען דא אונווייניג פון דיא שדים ? צו דען וועט
מען שוינען דעם מענטשען וואס דער מאנט דא אזא ווארט וואס שמעקט
דיא טייבלען זייער ווייניק ? צוא דען וועט מען ניט נאכאזיווען דעם
מענטשען וואס גיט דיא טייבלען בשמים שמעקען וועלכע שמעקן זייא
נאר ניט גישמאק אונ דער וואס קען זאגען אזא גרוים ווארט נאמ ? וויא
קומט ער אין וואונג פון דיא שדים ? א ווער זאגט איר דארט האב איך
גיענטפערט האט מיט ליידען אויף איין ארימען אידעשען יונגעל וועלכער
זייענדיג אן אקאפ איז פאר אירט גיווארען אין דעם פינצטערין ארט

דער

דֶער בַּארִים זִיךְ אויף מִיר אִין גִיט מִיר הִילְף אִךְ הָאט זִיךְ דִיא שְׁטִימָא אָן גִירוּפֶען אִידֶעשׁ יוּנְגֶער אִיז דָא אִין אַזוינֶע הֶענְט אוּנ אִיךְ זַיין בַּארִיט ! בַּארִיהִג זִיךְ מַיין קִינְד זִיץ אויף דַיין אָרְט אויף דֶער מִינוּט בִּין אִיךְ לֶעבֶּען דִיר דַארְפְסְט מִיךְ נִיט זִיכֶען אִין דֶער פִינְצְטֶער רוּף מִיךְ נָאר וֶועל אִיךְ נָאךְ גֵיין נָאךְ דַיין קוֹל דֶען מִיר אִיז זֵייעֶר זִים צוּ הֶערֶען אַז אַמֶענְטְשׁ רוּפְט מִיךְ צוּ הִילְף אִיךְ הָאבּ אַלֶע מָאל גִישְׁרִיגֶען וִויא זַאנְט אִיר , אִיר גֵייט קוּמְט גִיכֶער אִיךְ גֵייא אִיךְ גֵייא , הָאט דִיא שְׁטִימָא גִיעֶנְטְפֶערְט אִין דֶער זֶעלְבֶּער מִינוּט אִיז צוּ גִיקוּמֶען דֶער וָואס הָאט מִיט מִיר גִירֶעט אוּנ הָאט זִיךְ לֶעבֶּען מִיר אַנִידֶער גִיזֶעצְט אִיךְ הָאבּ גִוָואלְט זֶעהֶען וֶוער דָאס אִיז עֶס אִיז אָבֶּער אַזוֹי פִינְצְטֶער גִיוֶוען אַז מֶען הָאט נִיט גִיקָאנְט זֶעהֶען , פְּלִיצְלוּנְג הָאט דֶער מֶענְטְשׁ פַאר קַאטְשִׁיט אַיין אַרְבֶּעל פוּן זַיין קְלֵייד אִיז גִיוָוארֶען פוּן זַיין שֵׁיינְהַייט אַזוֹ לֶעכְטִיג אִין גְרִיבּ וִויא אוּפִין גַאס אִין לוּטֶערְסְטֶען זִימֶער טָאג .

פֶערְטֶעס קָאפִּיטֶעל

אַיין אַלְטֶע אִידֶענֶע מִיט אַ מָארְנֶעס שְׁלֵייעֶר .

וִויא עֶס אִיז נָאר גִיוָוארֶען לֶעכְטֶעג אִין גְרִיבּ קוּק אִיךְ זִיךְ צוּא דֶעם וָוס זִיצְט לֶעבֶּען מִיר אִיךְ זֶעה עֶס אִיז אַיין אַלְטֶע יוּדֶענֶע מִיט אַגִיקְנוּיטְשְׁטִין שְׁטֶערֶען אַז סֶע אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ צוּא קוּקִין , אוּפִין לַייבּ גֵייט זִיא אָן גִיקְנִיפְּט לַאטֶעס אוּנ שְׁמַאטֶעס אַז עֶס אִיז מִיס אָן צוּ זֶעהֶען , אָבֶּער אוּפִין קָאפּ גֵייט זִיא גִיפִּיצְט הֶעכְסְט מָארֶעס אַגְרוֹסֶע הִיטֶעל מִיט צְוֵוייא לַאנְגֶע שְׁטֵיינְגֶעס , אַפִּידֶער אַשִׁינְיָאן צֶעפּ אַפְּרִיזָארְקִי , אִין אֵיינֶעם אַז מֶען לֵייגְט צִינוּיף דִיא שְׁמַאטֶעס פוּן אִיר לַייבּ מִיטֶען פַאר פִּיצוּנְג פוּן אִיר קָאפּ דִיא שׁוינְהַייט פוּן אִיר הַאנְט מִיט דִיא קְנֵייצֶען פוּן אִיר גִיזוּכְט אִיז דָאס הֶעכְסְט לֶעבִּירְלֶעךְ אִיךְ הָאבּ זִיךְ קָאם מִיט אַלֶע מִיגְלֶעכֶע קְרֶעפְטֶען אַיין גִיהַאלְטֶען אִיךְ זָאל נִיט אוּיס פְּלַאצִין מִיט אַגִילֶעכְטֶער אוּנ דָאךְ הָאט זִיךְ בַּאוויזֶען אַשְׁמֶעכִיל אויף מַיינֶע לִיפֶּען זִיא הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט אוּנ זָאגְט מַיין קִינְד אַ יָא אִיךְ בִּין גַאנְץ לֶעבִּירְלַאךְ אוּפִּין קוּק נָאר אִיךְ בִּין נִיט שׁוּלְדִיג סֶע מַיינֶע קִינְדֶער הָאבֶּען דָאס מִיר גִיטָאן זֵייא הָאבֶּען מִיךְ גִימַאכְט צוּא שַׁאנְד אוּנ צוּ שְׁפֶּעט אוּף דֶער גַאנְצֶער וָועלְט אָ ! מַיין קִינְד אִיךְ זָאל דִיר דֶער צֵיילֶען מַיין גִישִׁיכְטֶע

וואלכטו

וואלסטו פאר שטאנען וויא שלעכט מיינע קינדער זאגען זיך מיט מיר
באנאנגען אונ באגייען זיך נאך אצונד , ניט גינוג וויא האבען מיך
פאר טריבען פון צוא זיין אהארינטע האבען זייא מיך אן גיקלייד אזוי
לעבערלעך וויא דיא זעסט איך וואלט דיר דער ציילט מיין ביאגראפיע
וואלסטו זעלבסט פאר שטאנען וואס איך וויל דיא זאלסט פאר שטיין
הער אוים מיין קינד וועל איך דיר דער ציילען .

פינעפטעס קאפיטעל

דיא בעאגראפיע פון דער אום באקענטער .

מיין פאטער איז אגרויס מעכטענער קינוג ער קינוגט אויף דער
גאנצער וועלט ער איז דער ערשטער קינוג אונ דער הערשער איבער
אלע קינוגען ער שאפט אויף הימל אונ ערד אונ זייא פאלגען אים ער
טוט אקוק אויף דער ערד ווערט זיא דער ציטערט ער שרייט אן אויף
דיא העכסטע בערג צינדען זייא זיך אן ער צוא קאציט . דיא הימלען
וויא אביכעל אונ ציט זייא אוים איבער דער גאנצער וועלט ער מאכט
פינצטער דיא זון מיט זיין ווילען אונ מאכט לעבטיג דיא גרעסטע
פינצטערניש מיט זיין לוסט מיט איין וואָרט זיין גרויסקייט איז אן איין
ענדע קיין מויל קען דאס ניט אויס דער ציילען ער טוט אלין אונ אלין
איז זיינס ער באפוילט אין אלע פאלגען איך בין זיין איינציקע טאכטער
זיין איין אויג אין קאפ דיא ערבין פון זיין גוטין מיט זיין קליגשאפט
איך בין בייא אים דאס טייערסטע פון זיינע אנטיקען , טאג אונ נאכט
פלעג ער מיט מיר פאר בריינגען ער האט מיך ניט אפ גילאזט פון זיין
אויג אויף איין מינוט שטענדיג האב איך מיך גישפילט לעבען אים איך
פלעג זיצען אויף זיין שטיל אזוי האב איך פאר בראכט מיינע בעסטע
יונגסטע יארען אז איך בין שוין אבער גיקומען אין דיא יארען וואס
דיא נאטירליכע לוסט האט זיך דער וועקט אין מיר האט מיר מיין
הארץ אן גיהויבין קלאפין מיין רוא האט מען בייא מיר צוא גינומען
וויא מיט הענט מיין הארץ האט זיך גיצויגען נאר איך האב ניט גוויסט
וויא הין מיין פאטער אבער האט באלד באמערקט דאס פאר ענדערונג
פון מיר אונ פרעגט מיך מיין טאכטער וואס איז דיר ? וואס גייט דיר
אפ וואס דיין גיזיכט ווייזט אזוי שלעכט אויס ! איך האב אים גיענפערט

ער

ער האט זיך מיט דעם ניט באגינוגט אונ זאגט אום זוסט מיין טאכטער
ווילכטו בהאלטען פון מיר דיין זארג איך ווייס שוין פון פריער וואס
דיר איז סע איז גיקומען דיין צייט זאלסט זיך פון מיר אפשיידין מוזט
זיך אויס קלויבען אחתן אונ אין גיכסטען חתונה האבען דען ציא ליב
דעם האב איך מיין גאנץ קינגליך ערשאפען ווען ניט דיא זאלסט
חתונה האבען וואלט איך ניט באשאפען דיא גאנצע וועלט דען איך
וויל זעהען וויא דיא וועסט לעבען מיט גרויס פאר גיניגען מיט דעם
מאן וואס דיא וועסט זיך אויס קלויבען איך וויל זעהען דיא פראכט
וואס פון אייך ווערט ארויס קומען גייא מיין טאכטער זעה אויס דיא
וועלט זעה אויס אלע קיניגלעכע הויפין אונ אלע גרויסע שטעט אונ
קלויב זיך אויס אזוינעם וויא עס ווערט דיר גיפעלען ער מעג זיין רייך
אדער ארום הארט מיך ניט דען גאהר מיט זילבער וועל איך אייך
גיבען גינוג אונ וועל אייך גיבען אייביגע קעסט אונ דער הייבט זאלסטו
נאר זעהען מיין טאכטער אויס קלויבען אקליגען אונ פון אשיין ארט
אז דיא זאלסט זיכער זיין אז ער ווערט מיט דיר אפ לעבען דיינע יאר
ער זאל קיין שארלאטאן ניט זיין אזוי וויא סע גיראט שארלאטאנים
וואס לעבען מיטען ווייב גאר עטליכע יאר דער נאך פאר נעמען זייא
איר גוטץ איר צירונג אונ ווארפען זיא אוועק, איבער דעם מיין
טאכטער זאלסטו זיך גיט צו קוקען אונ פאר לאז זיך אויף דיין קלוגשאפט
אז דיא וועסט אופין שטיינער גיט אויס קלייבען, נעם אויף הוצאות
אונ רייז אויף דער וועלט איך האב גיפאלגט מיין פאטערס רייד אונ
האב אן גיהייבען רייזען אויף דער וועלט נאר ווייל איך האב זיך
גיפארכט פיל לייכט איז אפאסנע צוא גיין אליין ווארום מיין שונהייט קען
אימעצען פאר בלענדען דיא אויגען אונ פאר דרייען דעם קאפ האב
איך מיך פאר קלייט אונ פראסטע קליידער אונ האב אן גמאן אמאסקע
אויף דעם גיזוכט איך בין גיפארען אזוי לאנג איך בין אויס גיוועז בייא
פיל קיניגען איך האב גיזעהן פיל קיניגלעכע פרינצען אבער נאך האט
איינער ניט איין גינומען מיין הארץ דען איך האב אין יעדערין גיפונען
איין אנדער פעלער צו לעצט בין איך גיקומען קיין עגיפטען בייא דעם
דארטיגען קיניג האט גידינט איונגעל מיטען נאמען ישראל יאקאוויטש
איך האב נאר אויף אים אקוק גיטאהן בין איך צו אים צו גיקניפט גיווארן
ער האט באצווינגען מיין הארץ מיט זיינע פייערדיגע אויגען זיינע
קלוגע ווערטער האבען מיר פאר קלינגען מיינע אויערן, איך האב ניט פיל
גיטראכט אונ בין פון דארט אוועק אהיים איך האב דער ציילט מיין

פָּאטֶער דִיא גִישִׁיכְטֶע אִיז דָאס אִים הֶעכְּסְט גִיפֶעלִין וָוארוּם וִויא אִיךְ
הָאבּ נָאךְ דֶעם גִיהֶערְט הָאט עֶר נָאךְ צוּ גִיזָאגְט יִשְׂרָאֵלְס אַזִיידִין דֶעם
אַלְטֶען אַבְרָהָמְ'ן אַז מִיט זַיין אֵיינֶעקֶעל וֶועט עֶר אַשִׁידוּךְ טָאן דֶען עֶר
אִיז אַיוּנְגֶעל מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת עֶס הָט נִיט לַאנְג גִיוֶוערְט הָט מַיין פָּאטֶער
גִירוּפֶען צוּ זִיךְ דֶעם גִירִימְטֶען לַאנְד שַׁדְכָן כָּאשֶׁקֶע עַמְרַמַאוִויטְשׁ אוּנ
הָאט אִים גִיהֵייסֶען גֵיין פַאר גִיבֶּען דֶעם שִׁידוּךְ עֶר אִיז גִינַאנְגֶען אוּנ
הָאט פָאר גִיגִיבֶּען דֶעם שִׁידוּךְ דֶעם יִשְׂרָאֶלִיקֶען אִיז דָאס בַּאלְד גִיפֶעלִין
עֶר הָאט גָאר נִיט גִיפְרֶעגְט נָהֶן מַתָּנוֹת קֶעסְט עֶר הָאט זִיךְ סַאגְלַאסֶעט
גָאר אָן אַלֶעמֶען דֶען בַּייא אִים אִיז גִוֶוען זֵייעֶר אָן גְלַייגְט אַז דֶער
גְרוֹיסֶער קִינוּג בַּאהֶערְשֶׁער דִיא וֶועלְט גִיט אִים זַיין טָאכְטֶער פַאר אַיין
וַוייבּ מַיין פָּאטֶער הָאט אִים שׁוֹין גִירֶעכִינְט פַאר אַיין אוֹיגֶען קִינְד הָאט
עֶר נִיט גִירִיט בִּיז עֶר הָאט אִים בַּאפְרַייט פוּן דֶער סְלָאוְשְׁבֶּע אוּנ הָאט
אִים גִיבְּרַאכְט אִין אַגְרוֹיסֶע פַּאסְשִׁינִי אַרַיין אוֹיף זֵייעֶר אַשֵׁיינֶעם אַגְרִינֶעם
בַּארְג אִיז גִיוֶוען דִיא חוּפָּה אִיךְ זָאל דִיר דֶער צֵיילֶען דֶעם פַּארַאד וָואס
דֶענְסְטְמָאל אִיז גִיוֶוען אִיז אוּם מֶעגְלִיךְ נָאר דָאס מוּז אִיךְ דִיר דֶר צֵיילֶען
אַז פַאר דֶער חוּפָּה אִיז אַרוֹיף גִינַאנְגֶען משֶׁה דֶער שַׁדְכָן צוּם טַייגֶען
אוּנ זָאגְט מְחוּתָּן ! דֶער חָתָן דַארְף זִיךְ אָן קוּקִין דִיא כַּלָּה פַאר דֶער
חוּפָּה דֶעם טַאטִין אִיז דָאס הֶעכְסְט גִיפֶעלֶען עֶר הָאט מִיךְ גַאנְץ פְרַייא
אַרוֹיף גִיפִירְט אוֹיף דֶעם בַּארְג אוּנ הָאט מִיךְ גִישְׁטֶעלְט מִיט מַיין
לוֹיטֶער שׁוֹנְהַייט אַקִיגֶען חָתָן עֶר הָאט אוֹיף מִיר אַיין בְּלִיק גִיגֶעבֶּען
הָאט אִים מַיין שׁוֹנְהַייט פַאר בְּלֶענְדְט דִיא אוֹיגֶען אוּנ עֶר הָאט גְהֵייסֶען
שְׁטֶעלִין אַחוּפָּה מֶען הָאט גִישְׁטֶעלְט אַחוּפָּה מִיט אַיין פַּארַאד מִיט
טוֹיזֶענְט עֶרְלֵייא מוּזִיקֶע מִיט אַלֶערְלֵייא פֵייעֶרְוֶוערְקִין מִיר הָאבֶּען לְמַזָל
חוּפָּה גִיהַאט אַז דֶער שַׁדְכָן אִיז מִיךְ גִיקוּמֶען נֶעמִין צוּם מַאן · הָאט
אִים דֶער טַאטֶע אַזוֹי גִיזָאגְט הֶער נָאר אוּם כָּאשֶׁקֶע מַיין פְרַיינְד ·
דוּא נֶעמְסְט מַיין טָאכְטֶער צוּא פוּן דַאנֶען זִיא אִיז זֵייעֶר אַוֶועלְטֶענִי
שׁוֹנְהַייט עֶרְשְׁטֶען וֶועט נִיט יֶעדֶערֶער קֶענִין קוּקִין אוֹיף אִיר שׁוֹינְהַייט
פִיל מֶענְטְשִׁין וֶועט שָׁאטִין זִיא גָאר אָן צוּ זֶעהִין זֵייא קֶענֶען פוּן דֶעם
זֶעהִין אַרָאפּ , צְוֵוייטֶען פִילַאכְט מַאכְט זִיךְ אַז אֵיינֶער פוּן דִיא קִינִיגֶען
וֶועט זִיא דֶער זֶעהִין אוּנ וֶועט זִיךְ אִין אִיר אַיין לִיבֶּען וֶועט עֶר זִיא
וֶועלֶען נֶעמֶען אוּנ וֶועט טוֹיטֶען מַיין טַייעֶרִין יִשְׂרָאֵלְ'ן אִיבֶּער דֶעם אִיז
מַיין עֵצָה אַז מִיר זָאלֶען אִיר וִוירְקְלִיךְ נַאטָארְלִיךְ שׁוֹנְהַייט פַאר בָּארְגֶען
אוּנ אִיר אָן טָאן אַ גִיוֵוינְלִיכֶע נַאטָארְלִיבֶע מַאסְקֶע , משֶׁה'ן אִיז דָאס
אוֹיךְ גִיפֶעלִין פוּן דֶעכְּסְט וֶוענֶען אִיז עֶר גִינַאנְגֶען זִיךְ אָן פְרֶעגֶען אִין חָתָן

דער ישראל האט זיך באלד אויף דעם סאגלאטעט באלד דער אויף
האט מיך מיין פאטער פאר קלייד אין זייער שיינע קליידער מיט
א מאסקע אויפן גיזוכט אונ אזוי בין איך אוועק צו ישראליקן איך
בין אים גיפעלען אין דער מאסקע אויך ווארום ער האט זיך גיוויסט
דעם אמת וואס אונטער דער מאסקע טוט זיך אונ ווער עס האט
אפילו ניט גיוויסט וואס אונטער דער מאסקע איז פלעג איך אים אויך
גיפעלין דען מיין מאסקע איז אויך גינוג שיין אין קרעפטיג צוא פיינעגין
דאס הארץ פון דעם גרעסטען אונ שטארקסטען מאנס פארשוין מיין
ישראליק אז ער האט זיך גיוואלט אן טאן אפארגיניגען האט ער מיר
אפ גידעקט דיא מאסקע אונ פלעגט זיך אן זעטין מיט מיין שוין
גישטאלט מיר האבען זיך אפ גילעבט פיל יארען מיר האבען גיזעהן
קינדער אונ קינדס קינדער זייער גליקליך מיר פלעגען זיך אמאל צוא
שפארין זיך צו ווערטלין אזוי וויא עס מאכט זיך ביי יונגע לייט
פלעגט קומען משה דער שדכן אונ פלעגט אונז אויס גלייכין. אין
אקורצע צייט ארום איז אבער דער משה עמראמאמיוויטש אוועק
גישטארבען איז מיר זייער שלעכט גיווארען ווער וועט צווישען אונז
שלום מאכען דעסט גלייבין מיין ישראליק האט זיך גישראקען טאמיר
וועט מען מיך איצטער צו נעמען מיט גוואלד ביי אים, האט ער זיך
באקערדט אונ האט מיר אן גיטאן נאך אמאסקע אויף דער ערשטער
וואס איך האב גיטראגען אין אצייט מיט יארען מיין ישראליק איז
עלטער גיווארען דיא ליבע איז ביי אים אפ גיקילט גווארען האט ער
מיך צו צייטען ווייס אן גיהויבען אוועק צו פארען ער האט אן גהויבען
באפעווין אקעגין טאטין האט אים דער טאטע דורך גיטריבען פון
זיין אימעניע נאקיט אונ בארוויס אונ פון דעסט וועגען האט ער מיך
אויך גישיקט מיט אים דען ער האט גירעכינט אז איך וועל אים איבער
ריידען אונ ער וועט בעסער ווערען וועט ער אים נעמען צוא ריק מיין
ישראליק האט זיך אן גיהויבען ארום צו שלעפען פון שטאט צוא שטאט
אונ איז אין ערגיץ ניט גיוועזן קיין אן גילייגטער גאסט ער האט גזעהין
אז ער דארף לייגג שטראנסטוויוון אויף דער וועלט צווישען ווילדע
מענטשין האט ער מיר אלע מאל אן גיטאן אמאסקע אויף אמאסקע
ביז איך האב שוין גיטראגען אויף זיך טויזענט מאסקעס מיט דער צייט
האט מיין ישראליק פארגעסין אין מיר ער האט גימיינט אז איך בין
אזוי פון שטענדיג האט ער מיך אויך גיהערט צוא הערין דיא יונגע
קינדער האבען דער זעהין אז דער פאטער באגייט זיך מיט מיר גראב

האבין

הָאבִּין זֵיי מִיךְ גָאר אָהְן גִיהַייבֶּן פִּירֶן שֶׁענְדְלִיךְ דֶעַן זֵייא הָאבֶּן נִיט גִיוְוִיסְט פוּן מַיין שׁוֹנְהַייט זֵיי הָאבִּין מִיךְ גִיקְלֵייד אִין שְׁמַאטֶעס מִיט לַאטֶעס אַלַאטֶע אויף אַלַאטֶע , אַשְׁמַאטֶע אויף אַשְׁמַאטֶע וְויא דוּ זֶעסְט מִיךְ אִיצְט פַאר דַיינֶע אויגֶען וואלְטֶן חָאטְשׁ דִי שְׁמַאטֶעס גִיוַואקְסֶן פוּן אִידֶעשׁ מֶעכְט וואָלְט אִיךְ שׁוין גִישְׁוְויגֶען וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טָאן אַז דִי שְׁמַאטֶעס זַאנִין גָאר צוּנוּיף גִיקְלֶעבֶּן פוּן פְּרֶעמְדִי פֶּעלְקִיר פוּן ווִילְדֶע אִינְדְיַאנִיר פוּן נַארִישֶׁע גְרֶעקִין פוּן דִיקֶע אַזְיַאטִיר פוּן גְרָאבֶּע נַארָאדִין וֶועלְכִי עֶס הָאבִּין זִיךְ גִיפִּיצְט אַמָאל מִיט דִי שְׁמַאטֶעס הָאט מֶען מִיךְ אִין זֵיי פַאר קְלֵייד אָ גְרוֹיס אִיז מַיין שְׁמַארְץ רֵייד נִיט אִיז בִּיטֶער דִי גַאל וֶוערְט צוּ שְׁפְּרִינְגֶען רֵייד יָא אִיז שְׁלֶעכְט סֶע אִיז דָאךְ פָארְט מַיין מַאן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער נָאר פַאר קַיין אַנְדֶערֶן וָואלְט אִיךְ נִיט גִירֶעט דוּ אָבֶּער בִּיסְט דָאךְ מַיין קִינְד גְלַייךְ מִיט אַלֶע , רֵייד אִיךְ פַאר דִיר אויס דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין אַקָארַאט מַיינֶע רֵייד זָאלְסְט זֵייא נָאכְדֶעם נָאךְ זָאגִין מַיינֶע קִינְדֶער אַדָאס אִיז מַיין גִישִׁיכְטֶע אִין קוּרְצֶען דִי שְׁמַאטֶעס בְּלַייבֶּען שְׁמַאטֶעס וִוי דוּ וֶועסְט בַּאלְד הֶערִין .

זֶעקְסְטֶעס קַאפִּיטֶעל

נִיט אַלֶעס וָואס בְּלַיאסְקֶעט אִיז גָאלְד .

טַא סֶע קִיל בְּרִילְל נֶע פָּא זָאהְר , דִיא עֶן פְרַאוֶוערְד פְּרָאנִיסֶע , דָאס הֵייסְט , נִיט אַלֶעס וָואס בְּלַיאסְקֶעט אִיז גָאלְד זָאגְט אַפְּרַאצוּוִיזִישֶׁער שְׁפְּרוּיךְ וָוארְט אוּנ נִיט אַלְץ וָואס טִינְקֶעל אִיז עֶרְד , זָאג אִיךְ אַייךְ מַיינֶע לִיבֶּע לֶעזִיר דֶען וִויא שְׁטַארְק הָאט מִיר אָפְט מָאהל גִיבְּלַיאסְקִיט אִין דִיא אויגֶען דִיא נַארִישֶׁע גִידַאנְקֶען פוּן אוּנְזֶערִי נַארִישֶׁע אָרְטָאדָאקְסִין אִין אִיךְ הָאבּ זִיךְ גָאר נִיט בַּאטְרַאכְט אַז פוּיל הָאלְץ גְלַאנְצְט אוֹךְ אַקוּגֶען דֶער שַׁיין פוּן דֶער לְבָנָה דֶעסְט גְלַייכֶען וְויא שֶׁענְדְלִיךְ הָאט מִיר אויס גִיוֶועזִין דִיא אַלְטֶע יוּדֶענֶע אִיךְ הָאבּ מִיךְ מִיט אִיר בַּאקֶענְט אָבֶּער וְויא שֶׁעץ אִיךְ זִיא צִינְד אַז זִיא הָאט מִיר נָאר גִיווִיזֶען . דִי שׁוֹנְהַייט פוּן אֵייך הַאנְט אִין הָאט מִיךְ פָּאזְנַאקָאמִיט מִיט אִיר בִּיאָגְרַאפִיֶע הָאטְשׁ אִיר גִיזִיכְט אִיז נָאךְ טִינְקִיל וֵוייס אִיךְ אָבֶּער אַז סֶע מוּז זַיין נָאר אַמַאסְקֶע אַטִינְקֶעלֶע אִין אִינְטֶען קֶען זַיין אַגִיזִיכְט לוּיטֶער גָאלְד , אִיךְ זָאג אַייךְ דָאס אַקֶעגִין דֶעם אַז אִיר זָאהְלְט אויךְ פַאר שְׁטֵיין אַז נִיט אַלְץ

וואס

וָואס סֶע אִיז גִישְׁרִיבֶּען אִין בִּיכֶער אִיז הֵיילֶעג סֶע קֶען זַיין אַז סֶע אִיז גָאר פוּן שְׁמַאטֶעס גִיקְלִיבֶּען אוּנ חָאטְשׁ סֶע בְּלַיאסְקֶעט אִיז דָאס פָּארְט נִיט קַיין גָאלְד דֶעסְט גְלַאבֶּען נִיט אַלְץ וָואס אִיר לֵייעֶנְט אִין גִישִׁיכְטֶען זָאלְט אִיר רֶעכְנֶען פַאר אַמֶעשֶׂה הֶען דִי מֶעשֶׂה אַלֵיין אִיז גָאר אָפְּט מָאל אוֹיס גִיטְרַאכְט אִין אִיז טִינְקֶעל שְׁוַוארְץ אוּנ דָאךְ דַארְפְט אִיר וִויסֶען אַז סֶע אִיז נִיט קַיין עֶרְד אִיךְ וֵויים אַז פִיל מֶענְטְשִׁין וֶועלִין לֶעזִין דִי גִשִׁיכְטֶע וֶועלִין זַייא זָאגֶען וָואס זָאגְט אִיר צוּ דֶעם טְשָׁארְנִי קְנִיזְשְׁנִיק עֶר דֶער צֵיילְט לִיגִינֶעס פוּן אַשְׁאוּל תַּחְתִּיָה מִיט שֵׁדִים וֶוער גְלוֹיבְּט הַיינְטֶעגִי יָאהְרֶען אִין אַזוֹינֶע נַארִישְׁקֵייט , אִיבֶּער דֶעם מַיינֶע לֶעזִיר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיגֶעבֶּען אַווִינְק אַז אִיר זָאהְלְט נִיט מִיךְ הַאלְטֶען פַאר קַיין טְשָׁארְנִי קְנִיזְשְׁנִיק אוּנ זָאלְט וִויסֶען אַז אִין מַיין גִישִׁיכְטֶע זָאלְט אִיר נִיט צֵיילֶען דִיא וֶוערְטֶער נָאר דָאס וָואס אוּנְטֶער דִיא וֶוערְטִיר הֶען אִין דֶער עֶרְד לֶעגְט גָאלְד אִין קָאפּ פוּן אַזְשַׁאבֶּע גֶעמְט מֶען פֶּערִיל אִין מַיין טוּנְקֶעל שְׁוַוארְצֶער גֶעשִׁיכְטֶע וֶועט אִיר גֶעמִין אַבִּיסֶעל שַׁארְפֶע מַשְׁקֶה צוּ פַאר שִׁיקֶערִין דֶעם וָוארִים פוּן נַארִישֶׁען גְלוֹיבֶּען וֶועלְכִיר לִיגְט בַּייא זִיךְ אִין הַארְצֶען אִין אִיהְר וֶועט אַלֵיין נָאךְ דֶעם זָאגֶען יָא . גִירֶעכְט דֶער אוּרְזִיסְטְשִׁיבֶּער יוּנְגֶערְמַאנְטְשִׁיק אַל תִּסְתַּכֵּל בְּקַנְקַן אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קוּק נִיט אוֹיף דִיא וֶוערְטֶער זֶע וָואס לֶעגְט אִין דִיא וֶוערְטֶער אִיךְ הָאף אַז אִיהְר וֶועט זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיס קֶענֶען מֶעג אִיךְ מִיךְ אוּם קֶערִין צוּ דֶער גֶעשִׁכְטֶע הֶערְט מִיט חֵשֶׁק , הַיינְט מַיין קִינְד , זָאגְט דִיא אַלְטֶעצְקֶע קֶענְסְט דִיא שׁוֹין פַאר שְׁטֵיין וִויא גְרוֹיס מַיין אוּמְגְלִיק אִיז פִיל פוּן מַיינֶע קִינְדֶער הָאבֶּען שׁוֹין גִיוָואלְט פוּן מִיר דִיא שְׁמַאטֶעס אַרָאפּ רַייסִין אוֹיס טָאן פוּן מִיר עֶטְלִיכֶע מַאסְקֶעס הָאט מֶען זַייא גִיוָואלְט פַר שְׁטֵיינֶען הֶען אַנְדֶערִי מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין גִיבּוֹרֶען מִיט שְׁמַאטֶעס זַייא הַאלְטִין פַאר אַזִינְד צוּ קוּקֶען אוֹיף מִיר מוּטֶער נַאקִיט אִין מֵיינֶען אַז גָאר אִין שְׁמַאטֶעס אִיז דֶער שֶׁענְסְטֶער גַאנְג אַנְדֶערִי ווִידֶער ווִילִין מִיךְ פַאר פִּיצִין נָאר מִיט פְּרֶעמְדֶע שׁוֹינְהַייט דֶער טוּט מִיר אָהְן אַרִיסְשֶׁען שְׁלֵייעֶר דֶער קְלֵייד מִיךְ מִיט אַפַּארִיזֶעשֶׁער קְלֵייד אֵיינֶער פִּיצְט מִיךְ מִיט אַחִינֶעזִיר פֶּעדֶער דֶער צְווייטֶער מִיט אַיין אַמֶערִיקַאנֶער שְׁלַאפֶּע אִין דִיא שְׁמַאטֶעס ווִיל קֵיינֶער פוּן מִיר נִיט אַרָאפּ נֶעמִין אָ נַארִישֶׁע קִינְדֶער . צוּ טֵייג אַיין אַלְטֶער יוּדֶענֶע אַגֶעלַאטֶעטֶער אַ גִישְׁמַאטֶעטֶער זִי זָאל זִיךְ פִּיצִין מִיט אַזוֹינֶע שְׁמַאטֶעס וָואס טֵייג נָאר פַר אַיוּנְג מֵיידִיל פוּן הַיינְטֶעקֶער וֶועלְט . אַז אִיר וֶועט מִיךְ פִּיצִין פוּן הַיינְט בִּיז אִיבֶּער אַיָאהְר וֶועט אִיר מִיךְ הֶען קֶענִין אַרוֹיס פִירִין צְווִישִׁין מֶענְטְשִׁין מֶע וֶועט זִיךְ מַאכִין פוּן מִיר אִין פוּן אַייךְ דָאס גְרֶעסְטֶע

גִילֶעכְטֶער וָואס אִיהְר וֶועט מִיךְ מַיין פִּיצִין וֶועלִין זִיךְ דִיא שְׁמַאטֶעס מֶער
אָהְן זֶעהְן קִיקְט זִיךְ צוּא נַארִישֶׁע קִינְדֶער . פִּיל מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבִּין זִיךְ
מְקַנֶא גִיוֶועזְן אִין מַיין יִשְׂרָאֵלִיקִין אִין הָאבִּין זִיךְ נָאךְ גִימַאכְט אוֹיף זַייעֶרִי
וַוייבֶּער נָאר אַהִינְגֶעדְרֶעטֶע מַאסְקֶע פוּן מִיר אַנָא גֵייט זֶעהְט צוּא פִּיצִין זַייא
זִיא מִיט מָאדֶעס זַייא זָאגִין-אַז דָאס פַּאסְט נָאהְר פַאר אַמֶענְטְשִׁין וָואס
אִיז אַלֵיין נִיט שֵׁיין אָבֶּער גִיט פַאר אַזַא שֵׁיין וַוייבִּיל וִויא רֶעלִיגִיֶע אִיז
אִיהְר פַּאסְט דָאס נִיט סֶע מַאכְט זִי נָאךְ מִיסֶער אִין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין
אֶמֶת אַזוֹעלְטֶענְגֶע שׁוֹינְהַייט ווִילְט אִיהְר מִיךְ פִּיצִין מִיט אַזֶעלְכֶע זַאכִין וָואס
פַּאסִין מִיר נִיט צוּם פָּנִים גִיט אָפּ זוּרְנַאל דֶער פַּארִיז גְרַאנְד מַאדַאם דֶעם
רוּסְשֶׁעֶן שְׁלֵייעֶר לָאז טְרָאגִין דִיא רוּשֶׁעשֶׁע אַרִיסְטָאקְרַאטְקֶע . מִיר
טוּט נָאר אוֹיס דִיא שְׁמַאטֶעס וֶועט אִיר אַלֵיין זֶעהִין מִיט אַייעֶרִי אוֹגֶען
אַז מַיין עֶרְשְׁטֶע מַאסְקֶע אִיז נָאךְ פִּיל שֶׁענֶער וִויא אַלֶע הַיינְטִיקֶע מָאדֶעס
מַאכְטֵייסֶע אִיר זַאנְט קִינְדֶער אִיהְר דַארְפְט זִיךְ פִירֶען אִין דֶער וֶועלְט
אֵיידֶעל שׁוֹין פְּלִיטֶעצֶנֶע מִיט אַלֶע קְלַאסֶען מֶעגְט אִיר זִיךְ גֵיין
גִילַאנְד אִין גִיפִּיצְט אִיר מֶעגְט רֵיידִין פוּפְצִיג פַאר שִׁידֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אָבֶּער
נָאר אִין גַאס מִיט יֶענֶעם וֶוען מִיר קוּמְט אָבֶּער צוּא מִיר דַארְפְט אִיר זַיין
פָּאמָאמְפָּא וִויא הַיין טוּיג מִיר אַייעֶר בָּאנְזָשָאר אִין פַּארְדָאן , אִיךְ וִויל
נִיט דִיא פַּאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטִין אִין אִיר מוּזְט הָאבִּין רֶעסְפֶּעקְט אִיר
וֵוייסְט וֶוער אִיךְ בִּין . אִיךְ בִּין אַייעֶר מוּטֶער אַהֶערְבְּרֵייקֶע . אִיךְ קָאן פִּיל
שְׁפְּרַאךְ אִין יֶעדָאךְ רֵייד אִיךְ אַף מַיין גִיבּוֹרֶענֶער שְׁפְּרַאךְ הֶעבְּרֵייעֶשׁ .
הֶעבְּרֵייעֶשׁ . רֶעט מִיט מִיר וֶועט אִיר זֶעהִין מַאן פָּאעֶזִיֶע אַז זִי אִיז נָאךְ
גֶענִיג גְרוֹיס זִיא קָאהְן נָאךְ אָהְן זֶעטִין אַלֶע גְרוֹיסֶע פָּאֶעטִין מַיין יִשְׂרָאֵלִיק
זָאל לֶעבִּין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זַיין מִיט אַלֶע קִינִיגִין בַּייא קֶענְט עֶר פְלֶעגְט
רֵיידִין אוֹיף אַלֶע פַארְשִׁידֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אִיהְם הָאט מֶען גִירִימְט אוֹיף דֶער
וֶועלְט פַאר אַקֶענֶער וָוארוּם עֶר הָאט טַאקֶע גִיקֶענְט אָבֶּער צוּא הָאט
עֶר מִיךְ גִיפִּיצְט מִיט פְרֶעמְדֶע שְׁלֵייעֶר עֶר הָאט גִיזֶעהֶן פִּיל שֵׁיינֶע וַוייבֶּער
אָבֶּער הָאט צוּא זַייא נִיט גִיגְלִיסְט דֶען עֶר הָאט גוּט גִיוּוּסְט אַז וֶוען עֶס
זָאהל מִיר אָפּ דֶעקִין מַיין גִיזִיכְט וָואלְטִין אַלֶע קִינִיגֶען גִילָאפִּין קוּקֶען אוֹיף
מִיר זַייא ווָאלְטִין נָאךְ מִיר הַאלְטִין זִיךְ חָאטְשִׁי פַר אַיין עֶק פוּן מַיין קְלֵייד
נָאר אִיךְ וִויל דָאס נִיט אִיךְ בִּיט דָאס נִיט אִיךְ בִּיט אַייךְ נִיט מֶער אִיר
מֶעגְט זִיךְ פִּיצִין ווִיפִיל אִיר וִוילְט נָאר מִיךְ פִּיצְט נִיט נֶעמְט פוּן מִיר נָאר
אַרָאפּ דִי וִויסְטֶע שְׁמַאטֶעס וֶועלֶן מִיר זֶעהֶן אִיךְ בִּין נָאךְ שֵׁיין אִין יוּנְג
אַזוֹי וִויא אִין טָאג פוּן מַיין חוּפָּה אִיךְ וָועל אַייךְ עֶפִינֶען מַיינֶע לֶעכְטֶענֶע
זַאלֶען וֶועט אִיר זֶעהֶן פִּיל שֶׁענֶערִי יוּנְגֶע פְרוֹיעֶן פוּן אַייעֶרִי גִילִיבְּטֶע

שטייען

שטייען בא מיינע טירן אין באפינגען מיך אין אז איר וועט אריין גיין
אונ וועט זיי זעהן וועט איר שוין זאגען אויב איר האט ניט גיזעהן
דעם לייב זעהט זיין ביידעל אויב איר וועט אזוי טאהן וועל איך צו
ביסליך ווייס אראפ נעמין פון זיך די מאסקעס ביז איך וועל בלייבן
שטיין מיט מיין גאנץ שונהייט פאר אייערע אויגען וועט איהר וויסען
אז ניט אלץ וואס האט אייך גיבלאסקעט איז גיוועזן גאלד, גאלד בין
איך, אבער ניט קיינער פילאכט וועלין דיא שמאטניקים ניט וועלין
לייען הערט זיי ניט גיט זייא אפ דאס ביסיל שמאטעס לאזען זייא זיך
האלטען מיט דער סחורה איך דארף ניט טראגן קיין שמאטעס די וואס
האבין מיך פריער גיזעהן אין שמאטעס איז האבן פון מיר גימאכט דאס
גרעסטע גילעכטער וועלן היינט פאר שעמט ווערן אין וועלן זאגין אז
ניט אלץ וואס האט זיך זייא גיוויזען טינקיל שווארץ איז ערד, וויא
זיס איז דער גידיינק זיך פאר צו שטעלין אזיינע גוטע צייטען אבער צום
אומגליק איז דאך דאס נאר אפאנטאזיע אוועקט אוועקט. פון מיר
איר פוילעשע פאנטאזיעס איהר שטעלט פאר גרויסע מויערן נאר קיין
טירין אויף אריין גיין מאכט איר ניט. ניין מיין קינד סע איז נאך גאנץ
ווייט איך זאל האלטען בא דער לאגע דען די פין איין זייט גייען מיר אן
אלע מאל פרישע שמאטעס סע פאסט זיי אזוי צום שידך אין די פון דער
אנדערער זייט פיצט מיך פארט נאך דער מאדע ווארום זייא האבין
מיך גאר פיינט זיי ליבען גאר אפראנציייזקע צו איין איינגלעצייאנקע
נאר זיי מוזן זיך אקוק טאן אויף מיר אויך ווילין מיך זיי אויף זעהן אין
אזא שלייער ווי יענע זאנין גישלייערט וועט זייא גרינגער זיין אויף מיר
צוקיקין א נישקשה פון יאהרין מיין קינד דער ווייל האב קיין רוהיג ניט
איך בין אראפ גיווארפין טיף אין שאול תחתיה אין דער צייט וואס
אלע מיינע מענטשען זיצען אין גרויסע גיפיצטע מויערין אין שעפין פרישע
לופט פון דער פרייער צוויליזירטער וועלט! אלע יודען שרייען מיט
טרערין אין דיא אויגען דיא ווערטיר בראותם כל עיר על תלה בנויה,
ועיר אלהים משפלת עד שאול תחתיה אין קיינער וויל גאר ניט באטראכטין
וואס זאגט ער דאס? וואס איז דאס פאר ווערטער? דען ווען זייא
זאלען וויסען וואס זייא זאגען וואלטען זייא מיט ליידען גיהאט אויף
מיר זייערע הערצער זענין אבער פאר שטאפט פון צו פאר שטיין זייא
האבען אויגען אין ווילען ניט זעהען מיין פון זייא הערען אלע טאג מיין
ביטער גישרייא אונ פאר שטאפין דיא אויערען אזוי וויא דיא ווילדע
שלייננ וועלכע עס העלפט ניט קיין שום לחש, ישראליק! ישראליק!
דער

דער מאן זיך דיא ערשטע יארען דיא ביסט זיך געוועזן ניט מיין וויא
א משרת אונ איך האב פון דיינעט וועגען אוועק געווארפען אלע געוויסע
קיניגען אלע שטארקסטע העלדען אונ בין דיר נאך געלאפען אין אלע
וויסטע ערטער וויא דוא ביסט געוועזן צוא ליב מיר האט דיך מיין
פאטער אויס געלייזט פון דיין דינסט ווען ניט איך , וואלסטו געבליבען
א משרת ווייל דיא וואלסט געלעבט צוא ליב מיר האט דיך מיין
פאטער געראטעוועט פון טויזענטער אומגליקען ער האט דיך באהיט
פון אלע מענטשען וואס האבען דיר געוואלט שלעכטץ טאן לאם מיר
זיך ניט נארען ווען ניט איך וואלט שוין לאנג פון דיר קיין שריד
ופליט ניט געבליבען אזוי וויא פיל גרעבערי פון דיר פון וועלכע קע
איז שוין קיין זכר ניט דא איך האב דיך געהאלטען אויף דיא פים
דען וויפיל מע האט דיך געמעצט אונ שפאנין אין פארטוגאל דיא
היילעגע אינקוויזיטארען צוא דיא פרימע קרייציקע פלעג איך דיר אזוי
פיל אויס ריידען דאם הארץ אז דיא פלעגסט לעבען מיר איין שלאפן
אזיסען שלאף אונ זאגען „עט לאזען מיך אלע מוטשען אבי דיא ביסט
לעבען מיר" יען איך פלעג דיר העלפין מיט אלעם וואס מעגליך איז ,
היינט אז דיא ביסט שוין אקלאמירשט אשטיקעל מענטש אויף דער
וועלט , ביסט שוין געקומען אויף אלאד ! דארפסט דיא דאך מיר אפ
דיינקען ! דיינקסטו מיר אזוי אפ פאר מיין זאלץ אונ ברויט ! מיך
קליידסטו אין שמאטעס פאר שמירסט מיר מיין געזיכט מיט בלאטע !
ישראליק זאלסט וויסען אז אין געבסטען וועט מיר מיין פאטער צוא
שיקען אזוינע מענטשין וועלכע וועלין מיך ארום רייניגען , אויס טאן
אביסעל שמאטעס דען וועט דיא גאנצע וועלט זעהין מיין שונהייט וויא
פאר שעמט וועסטו ווערען אז אלע וועלען זאגען „צו משוגע איז
ישראליק געוועזן אז ער האט געהאט אזא זעלטענע פארשיין ביי זיך
אזא גילדינע דאמע מיט אזא שיינער אויס שפראכע אונ האט זיך
געליבט צום מערסטין אין דיא נייעה מאדנע אריסטאקראטיקלעך
מיט זייערע היינט וועלטיקע אויס שפריכין" שוין אזוי ישראליק ? דיא
וועסט זיך שעמען קוקין אלעמען אין דיא אויגין , אונ וועסט . . .
שא ? מיין קינד איך מוז אויף הערען צו ריידען דען מע גייט דיך
נעמען צום אשמדאי דארט וועלען זייא אן ווענדען אלע מעגלייכקייט
אין דער וועלט דיך איבער צוא ריידען דיא זאלסט ביי זייא בלייבין
זייא וועלען זיך פריוען מיט בייזען זאלסטו זיך ניט שרעקין דען קע
איז נאר אשטראסניק זייא וועלען פריוען מיט גיטען זאלסטו זיך
היטען

היטען ניט גיהאפט ווערען פון זייערע גלאטע רייד זעלבסט וואס דיא
ווערסט זעהען מיט דיא אויגען זאלסט דיא אויך ניט גלויבען דען עס
איז אלעס בלענדיניש ווען זייא וועלען זעהין אז זייא קענען מיט דיר
גאהר ניט מאכען וועלען זייא דיך אפ לאזען איך וועל שוין ווארטען
לעבען וועג אויף דיר דארט וועל איך דיר גיבען אגיטען קאפ איך וועל
דיך באלייטען אהיים אונ וועל דיר אופין וועג דער ציילין נאך פיל
פון מיינע ערפאהרונג אונ וועל דיך שיקען צוא מיין ישראליקען זאלסט
מאכען אשלום צווישען אונז אונ אז דיא וועסט אוים פירען וועלין מיר
דיר גיט באצאלען איך ווייס אפילו אז עס וועט דיר ניט גרינג אן
קומען דען עס וועט דיך ניט הערען אין פיל וועלען דיך שענדין פאל
זשע ניט אראפ בייא זיך זייא וועלען זיך באטראכטען שפעטער וועלין
זייא פאר שטיין דיין ווערט, גייא גיזונד גאט זאל זיין אין דיין הילף
דיך פון דאנען ארוים פירען גיך בשלום גייא אין שרעק זיך ניט דען
איך זאג דיר אז סע וועט דיר ניט גיקרומט ווערען אהאר עס וועט דיר
קיין זאך ניט שאדין אבי דיא וועסט אים נאר ניט נאך גיבען אוף קיין
קלייניקייט אפילו דען גיב נאר דעם טייוויל אהאר שלעפט ער דיר
אוועק דעם גאנצען קאפ . . .

זיבענטעס קאפיטעל

איטליכער הינד איז אויף זיין מיסט א גראף .

וויא זיא האט גאר גיענדיגט אירע רייד זענען ארין עטליכע שדים
מיט אזא גישווינדיקייט מיט אזא ביסטריקייט אזוי וויא דיא טייוולען
אין האבען מיך אטאסקע גיטאן וויא א רוח א מלאך זייא האבען מיך
גיבראכט אין אגרוים פראכטיגער זאל , איך שטייא אין קוק זיך ארום
זעה איך בייא א גרויסען טיש זיצט א יונגער מאן אין אגילדענער
קרוין איבער אביך אונ לייענט גראמקע נאר איך האב ניט פאר
שטאנען איין ווארט אפנים אז עס מוז זיין טייוולש לשון , וויא ער
האט מיך דער זעהען האט ער אוועק גילייגט זיין ביך האט מיך צוא
גירופין צום טיש אונ האט מיך גיביטען זיצין · איך האב זיך אנידער
גיזעצט אין זיך, „הער נאר יונגער מאן" האט ער מיר א זאג גיטאן
וויא קומסט דיא אהער ? איך האב אים דער ציילט אין גאנצען דיא

גישיכטע וויא איך בין גוועזן אצייט אן אקאפ אונ בין זיא גיגאנגען
זוכין אונ האב אהער אראפ גיפלאנדזיט. ער האט זיך צו גלאכט אונ
זאגט.. ניין דיא האסט גאר ניט גיפלאנדזיט, דער וועג גייט אזוי נאר
איך האב מיט ליידין אויף דיר אונ וועל דיר נאדיעלין אגוטען קאפ,
דאס זאגינדיק האט ער אווינק גיטאן אויף אטייוויל יעדער האט באלד
אריין גיטאסקיט אקאפ אגאנץ גרויסע איך קוק מיך צו צו דער קאפ
איז זיא מיר ניט גיפעלין דען איך האב מיטען קוק הער קענט אז זיא
איז קרום אונ קאטע וויא ארויסעשע קאפ "ניין" זאג איך ניט נאך אזא
קאפ בין איך גיקומען איך וויל אשיינעם קאפ אגלייכען. ניט קיין קרומען
אויף צו לאכען. ער איז גיווארין בייז אונ זאגט נא נא! ער וויל זיין
קלוגער פון דער גאנצער וועלט מיר דאכט אז טויזינטער מענטשין טראגין
טאטארישע קעפ אויף זייער האלדז אין אקין אונ מע דארף טאקע קיין
בעסערי קאפ ניט האבין נאר אפנים דיא ווילסט ניט מיין קאפ האב
זשע גאר צייט וועסט באלד וועבר וועלן דיא ווייסט מיט וועמין דיא
האסט דיא עהרע צונד צוא רעדין? פארכט זיך פאר מיר שרעק זיך
פאר מיין נאמען. איך בין א ציטער! איך בין דער אשמדאי דער קיניג
פון די שדים וועסט נעמען מיין קאפ!? איך האב אים ניט גיענטפערט אנווארט
ווארום אין אמת איך וואר אז איך האב גיגלאנצט אן אקאפ אין האב
נאך אפילע קיין נאדיע ניט גיהאט אויף קיין קאפ האב נאך מיך
אוים גילאכט פון מיר אין נאך פון פיל גרעסערע פון אים. היינט אז
איך ווייס שוין זיכער אז איך וועל האבען אקאפ אין נאך אגוטען דער
צוא זאל מיך אים ענטפערין אויף זיינע בייזע פראגען. דיא וועלט איז
אבער גירעכט וואס זיא זאגט יעדער הינט איז אויף זיין מיסט אפרינץ.
מאקע זייא האבען מיך מיט גרויס צארין אנווארף גיטאן אויף דער
ערד. זייא האבין שוין גיוואלט אן הויבען פוצקין, האט ער זייא
גיהייסען ווארטען מען זאגט נא יונגער מאן וועסט נעמין מיין קאפף.
איך האב מיך ניט גיקענט איין האלטין אונ זאג, די בייזער טוראן,
שמיים וויא פיל דיא ווילסט שטייא ניט ליידיג. איך שרעק מיך ניט פר
דיינע שלעק מיר האבען שוין גיזעהין פיל אזוינע אשמדאין צו וויא האט
מען זייא ביא אונז גירופען קאטוילישע מאניקוויזיטארין וועלכע האבין
מיט גיוואלד גיוואלט אונז אהן טאן זייערע קעפ האבען זייא אוים גיפירט
שיינע זאכען כע זאל פון דיר ווערין דאס וואס פון זייא איז גיווארען
מיט גיוואלד מאכט מען גאר ניט גינוג אז איר האפט קינדער פון דעם
קימפים מען מאכט פון זייא וואס איר ווילט אבער ניט מיט מיר וועט

איר

אירי עפיס מאכין ניין , ער האט צוא זייא גיזאגט לאזט אים אפ איך וועל מיך בייא אים צו פרעגין וואס מיינט ער מיט דעם , זיי האבין מיך אפ גילאזט איך האב מיך ווייטער אנידער גיזעצט לעבין אים ער האט זיך צוא מיר צו גירוקט אין זאגט האב קיין פאר איבעל ניט אויף מיר וואס איך האב מיט דיר גיטריבען קאטאוועס דען איך האב דיך גיוואלט פרוועון צו ביסטו דיא ניט קיין שרעקינדיג קינד קיין ווייך הערציריקער מענטש ווארום איך וויל שוין קריגען פון לאנג צו זיך אזא מענטשין בלייב דא ביי מיר וועל איך דיך מאכען פאר א מיניסטער איבער מיין גאנץ קעניגרייך אונ דער פון וועלין מיר ביידין שפעטיר צונד אבער וויל איך דוא זאלסט מיר בשיידין וואס דוא האסט ערשט גיזאגט עפיס תאפין קינדער פון דעם קינד בעט גיב דאס מיר צו פאר שטיין ווארום סע איז מיר הערשט אום פאר שטענדליך .

איך — גלאך וויא דוא ווייסט ניט צו דיא מאכסט זיך אפנים ניט וויסענדיג מיר דאכט אז סע גאר קיין צאל ניטא צו די קינדער וואס איר תאפט אויס פון דיא קינדבעטירינין: אשמדאי — האסט אליין גיזעהין .

איך — ניין גיזעהין האב איך ניט . נאר מע האט מיר דער ציילט .

אשמדאי — אבער ביכטו דען קיין מאל ניט גיוועון בייא קיין קינדבעטירין ;

איך — איך בין יא גיוועון אין האב פארט ניט גיזעהין דען סע איז גיהאנגען שיר המעלותען . אויף אלע פענצטער אין אויף אלע טירען האנט וויא ארום האב איך גיקענט זעהין אז אהין האט איר קיין שליטה ניט איר ציטערט דער פאר .

אשמדאי — וואס וואס , אשיר המעלות היינגט אין מיר ציטערין וואס איז דאס אזעלכס אביקס צו אשווערד , פון וואס איז דס גימאכט פון אייזען צו פון שטאל .

איך — ניין סע איז ניט קיין אייזען אויך קיין שטאל נאר אקליין שטיקיל פאפיר אשמדאי איך קען ניט נאר שטיין וואס דאס איז שדים וואס נאך דיינע רייד תאפין זייא קינדער פינעם בעט אין קיינער זעהט זייא ניט ווארום ווען מע זאל זייא זעהין וואלט מען זיך זיי מכות גילאזט האבען זייא מורה פאר אשטיקיל פאפיר ניין סע קען ניט זיין .

איך — די מיינסט סע איז פראסט פאפיר ניין סע איז אויף דעם אהן גישריבען אזוינע ווערטיר וואס שמעקין אויך גאר ניט גישמאק .

אשמדאי — איי מיין ברודער אנא וייז נאר דיא קעשינים טאמיר האסטו

בייא

בַּייא זִיךְ אַזַא שְׁטִיקִיל פַּאפִּיר װֶעסְטוּ דָאךְ מִיךְ נָאךְ שִׁיסִין מִיט דֶעם אַנָא אַנָא אִיךְ דִיךְ נָאר טְרֵייסְלֶען אִיךְ — גֵיין נָאר אַקִינְדְבֶּעטְוֶורִין קֶען דָאס הֶעלְפִין אָבֶּער נִיט אַזַא מֶעגְטְשִׁין וִויא אִיךְ , אַשְׁמְדַאי — וִויא הֵייסְט , אַז שֵׁדִים צִיטֶערִין דֶער פַאר קֶען זִיךְ דָאס הֶעלְפִין יֶעדִין מֶענְטְשִׁין ·

אִיךְ — נֵיין סֶע הֶעלְפְט נָאר אַקִינְדְבֶּעטְמָרִין פַאר וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וַוייס אִיךְ נִיט ·

אַשְׁמְדַאי — אָבֶּער דָס וֵוייסְטוּ קְלָאר אַז סֶע הֶעלְפְט אַקִינְדְבֶּעטָארִין ·

אִיךְ — קְלָאר וִויא דֶער טָאג ·

אַשְׁמְדַאי — זַייא אַזוֹי גִיט אִין גִיבּ מִיר אוֹיךְ אַזוֹינְס דֶען מַיין וַוייבּ לֶעגְט דִיא צַייט אִין קִינְדְבֶּעט ·

אִיךְ וָואס דוּא הָאסְט דֶען אוֹיךְ מוֹרָא פַאר זַייא זָאגֶען דָאךְ דַיינֶע לַייט אַשְׁמְדַאי ; אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען אַז זַייא נֶעמִין בַּיי אַמֶענְטְשִׁין קִינְדֶער אָהְן מַיין וִויסֶן דֶען דָאס הֶער אִיךְ עֶרְשְׁט פוּן דִיר הָאבּ גָאר בִּיז אַהֶער דֶער פוּן נִיט גִיוְויסְט מַיין אִיךְ פִילַאכְט וֶועלִין זַייא בַּייא מִיר אוֹיךְ צוּ נֶעמִין אִיבֶּער דֶעם זַייא אַזוֹי פִיל גוּט אִין גִיבּ מִיר אוֹיךְ אַזַא טֵיילִיסְמַאן אִיךְ וֶועל דִיךְ בַּפְרִידֶעגֶען ·

אִיךְ — אָךְ מִיט אַלֶע פַארְגִינוּגֶען אִיךְ קֶען דִיר צוּא לִיבּ טָאן · אִיךְ הָאבּ גִינוּמֶען אַשְׁטִיקִיל פַּאפִּיר אִין הָאבּ אָהְן גִישְׁרִיבֶּען אַשִׁיר הַמַעֲלוֹת מִיט דֶער גַאנְצֶער פָארְמֶע מִיט אַגְרוֹיסֶען , קְרַע שָׂטָן , אִיךְ הָאבּ בַּהַאלְטִין דִיא אָבוֹת אַקוּגֶען דִיא אִמָהוֹת אוּנ הָאבּ צוּ דְרֵייט דִי מַכְשֵׁפָה פוּן אַלֶע זַייטֶען אוּנ הָאבּ גִיגְלֵייבְּט אַז עֶר וֶועט דֶער צִיטֶערְט וֶוערִין סֶע אִיז אָבֶּער אַזוֹי גִיוֶוען אִיךְ זָאל אַזוֹי זוֹכֶה זַיין זֶעהִין דֶעם וֵויידִיל חָאטְשׁ פוּן מָשִׁיחַ׳ס וַוייס עֶזִיל וִויא אִיךְ הָאבּ אַלֵיין גִיזֶעהִין אַז סֶע הָאט מִיט אִים אַוַוארְף גִיטָאן אַזוֹי וִויא זִיבֶּען יֶערִיגֶע קַדַחַת דֶען עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי צוּ לַאכְט אַז סֶע הָאט פַאר טוּבְּט דִי אוֹיעֶרִין עֶר הָאט זִיךְ פַאר דִיא זַייטֶען גִיהַאלְטָן אוּנ אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיס גִילַאכְט הָאט עֶר מִיט מִיר אָהְן גִיהֵייבֶּען שְׁמִיסֶען אִין דֶעם גִישֶׁעפְט ·

אַשְׁמְדַאי — זָאג זֶע מִיר אִיךְ בֶּעט דִיךְ מֶע דֶער מַאגְט זִיךְ דָא גָאר נִיט מַיין נָאמֶען ;

אִיךְ — וָוארוּם דִי נֶעמְטְט נִיט·נֶעמִין נֶעמְט נָאר לִילִית מִיטֶען שָׂטָן ·

אַשְׁמְדַאי — הַיי רוּפְט נָאר אַהֶער לִילִיתָן מִיטֶען שָׂטָן , אַרוּחַ אִיז אַוֶועק אוּנ הָאט זַייא בַּאלְד גִיבְּרַאכְט ·

אַבטעס קאַפּיטעל

אַשפּאַגעל נייער דישפּאַט.

וויא זייא זאַגען נאָר אַריין גיקומען זאָגט דער אַשמדאי צו זייא עפּיס האָב איך גיהערט זייער ניט קיין שיינע זאַכען דער ציילט פון אייערט וועגין.

לילית וואָס איז עפּיס אַנייעס.

אַשמדאי איר האָפּט צו קינדער פּינם קינד בעט און דער יונגער מאַן האָט אַשמירה גראָר פון פּאַפּיר סע הייסט אַשיר המעלות אין דאָס לאָזט אייך ניט צו צו דיא קינדבעטין.

לילית, האָט זיך סקאַנפּיזיס אַביסיל און זאָגט: איך שווער ביי מיין לעבין אַז סע איז פאַלש איך האָב קיין מאָל ניט גיהאַט קיין קינדער און האָב קיין לוסט צו קיין קינדער מיין לוסט איז צו האַפּין גרויסע מענטשין און מיין שטוב און וועלכע איך פאַר שפּאַר חאַפּין דען זייא פאַלען גאָר גרינג און זעלבסט אַריינ־באַין דיא הענט און עס העלפט זייא ניט קיין שיר המעלות.

שטן, וייז מיר אויך דאָס פּאַפּיריל לאָם איך זעהין טשטאַשאַ זא פּטיצע.

אַשמדאי, א, מיט אַלע פאַר גיניגען, דער שטן מיט ליליתין נעמין אין קוקען זיך גוט איין און דעם פּאַפּיריל אין לאַבין.

שטן, זאָג מיר נאָר יונגער מאַן וואָס האָט זיך אין מיר אָן גיחאַפּט מער וויא אין אַלע וואָס מעהאָט מיך גישטעלט מיט גרויסע אותיות.

איך, שטייטש די דאַרפסט נאָך פרעגין, די פאַר געסט גאָר אַז דו ביסט דער שרעקליכער איבער אַלע שדים עפּיס אַקאַטאָוועס דער שטן פאַר דיר ציטערין אפילו גרויסע מענטשין אויך דען דוא ביסט אַגרויסער שרעקליכער מזיק דיר קען זיך פאַר גרוסטען אין מיטען ראש השנה פאַר שטאָפּען דעם שופר און דער בעל תוקע זאָל זיך טוצין נעביך פינף שעה און קען ניט בלאָזען ביז מע נעמט איין אַנדער שופר.

שטן, זאָגע מיר מיין קינד דוא ווייסט זיך אַליין אַז איך בין גאַנץ גרויס, גרעסער פון דער לאָך פון דעם שופר וויא אַזוי קען איך און אים אַריין איך זאָל אים פאַר שטאָפּען.

איך, איך וועל דיר זאָגען דעם אמת וויא אַרום זאָל איך וויסין

דעם

דֶעם אֱמֶת דָאס אִיז אַלְץ קַבָּלָה אִין אִיךְ הָאבּ נָאךְ קַיין קַבָּלָה סְפָרִים נִיט גִילֶערֶענְט ·

שָׂטָן — וָואס הֵייסְט קַבָּלָה סְפָרִים !

אִיךְ — סֶע הֵייסְט סִתְרֵי תּוֹרָה

אַשְׁמְדַאי — וָואס זְשֶׁעקֶען מֶען דָארְט וִויסִין ?

אִיךְ — מֶע קֶען פוּן דָארְט וִויסֶען אַלִי אַיְיעֶרִי נֶעמֶען מֶע קֶען אַייךְ אָפּ שְׁפְּרֶעכִין צוּ אָפּ שְׁרַייבִּין אַז אִיר זָאלְט אַיינְטְלוֹיפֶען וִויא דֶער שְׁוַוארְצֶער פֶּעפִּיר וַואקְסְט ·

לִילִית-אֶפְשָׁר מִיט אַזוינֶע שִׁיר הַמַּעֲלוֹת-עֶן ?

שָׂטָן—זָאג זְשֶׁע מִיר אַז קַיין סִתְרֵי תּוֹרָה וַוייסְט נִיט אָבֶּער קַבָּלָה קֶערְסְט דִיא וִויסֶען ·

אִיךְ—יָא אִיךְ וַוייס אַבִּיסֶעל ·

שָׂטָן—זָאג זְשֶׁע מִיר שְׁטֵייט עֶרְגִיץ דֶער מָאנְט אִין דֶער תּוֹרָה וֶוען זַאנִין מִיר בַּאשַׁאפֶען גִיוָואֶרען אִין וָואס זַאנִין מִיר פַאר לַייט ?

אִיךְ—נֵיין סֶע שְׁטֵייט נִיט—

אַשְׁמְדַאי—פוּן וַואנִין דֶען וַוייסְט אִיר דִי אַלֶע זַאכִין ?

לִילִית—זֵיי שְׁטֵייסֶען זִיךְ זֵיי טְרֶעפִין אוֹיסֶן וַוייגֶג ·

אִיךְ—נֵיין סֶע שְׁטֵייט אִין דֶער גְמָרָא אַז אִיר זַאנְט בַּאשַׁאפֶן גִיוָואִרִין פְרַייטָאג בַּאנַאכְט ·

אַשְׁמְדַאי—טִיט מִיר הֲנָאָה אַז דִי קֶענְסְט גְמָרָא אוֹיךְ זַייעֶר שֵׁיין זָאגְזְשֶׁע מִיר שְׁטֵייט אִין דֶער גְמָרָא · אַז שֵׁדִים עֶסִין אוּנ טְרוּנְקֶען הָאבִּין קִינְדֶער אוּנ שְׁטַארְבִּין אוֹיךְ אִין דִי וַוייסְט זִיךְ וואל אַז אִיךְ בִּין דָאךְ גִיוֶוען פַאר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ׳ס צַייטֶען וִויזְשֶׁע קוּמְט דָאס וָואס אִיךְ לֶעבּ נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ ·

אִיךְ—אִין אַזוינֶע זַאכִין טָאר אִיךְ נִיט קְלֶערִין סֶע אִיז נִיט מַיין עֵסֶק צוּ וִויסִין צוּ אִיר לֶעבְּט צוּ אִיר וֶוענְט גִישְׁטָארְבִּין אִיךְ קֶען נָאךְ הָלִילָה וֶוערִין אַכּוֹפֵר בְּעִיקָר פוּן אַזֶעלְכֵי חֲקִירוֹת ·

לִילִית—פַאר וָואזְשֶׁע אִיז דַיין עֵסֶק צוּ וִויסִין וֶוען מִיר זַאנִין בַּאשַׁאפִין גִיוָואִרִין ·

אַשְׁמְדַאי—נָא אִין שְׁרַייבִּין שִׁיר הַמַּעֲלוֹת׳עֶן ·

שָׂטָן—נָא אִין מִיט אַגְרוֹיסֶען קְרַע שָׂטָן ·

לִילִית—אִין מִיט אַמְכַשֵּׁפָה פוּן אַלֶע זַייטֶען ;

אַשְׁמְדַאי—אִין לִילִית אִין דֶער אוֹיסֶען ·

שָׂטָן—דִי אָבוֹת מִיט דִי אִמָּהוֹת פַאר שְׁפַּארְט אִין דֶער מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אַז זֵייא זָאלִין נִיט אַרוֹיס ·

לילית

לילית—אין די מכשפה היט זיי אז זיי זאלין ניט אנטלויפן ·

איך—איר מעגט אייך לייכען ציזעצטרהייט מיטאר גאר מיט אייך ניט רייידען דען איר זאנט אפיקורסים איר גלויבט גיט אין דער גמרא ,

שטן—אזו מיר דאכט אז די ביסט איין אפיקורס דיא גלויבסט ניט אין דער גמרא ·

איך—וואס הער איך ·

אשמדאי—יאה גירעכט די גלייבסט אז מיר לעבין אייביג. אין דיא גמרא זאגט זיך אז מיר שטארבין גלייך מיט מענטשין ·

איך—בין איך דען דער פאר איין אפיקורס · טאמר איז גאר דארט אנדער כוונה אין דיא ווערטער ניט אזוי פראסט וויא די מיינסט ·

שטן—גירעכט אט אוויל יונגעל פאלט אויף שלעק טאמער איז אין אלי ערטער אויך ניט פראסט ·

לילית-יאה גירעכט אט אקלאץ קשיה ·

איך-וויים איך ·

שטן-עס פאפראוויט זיך אין דער עברי · איך האלט שוין אף אלאד מיט אים ·

אשמדאי-טאקע נאך אמאל דאס אייגענע · דארפסטו גלייבין אז מיר שטארבען אונ זאגין אז מיר זאנין באשאפין אמער זאג אז בײדע זאבין זענין פאר שטעלט ·

לילית-אזו דארף טאקע זיין אייך מענטשין דארף מען טאקע אזוי זאגען לא מעוקצך ולא מדובשך בעסיר נמיט אקליגען צו פאלירען וויא מיט אנאר צו גיפינגען ·

לילית-זאג מיר גאר מיין פריינט די ביסט דאכט מיר אשטיקעל מחבר אויך ציייטען וויים איך האב אלע זמאל גילייענט דיינם אביכיל אריזע אין עולם התוהו ·

שטן-וואס הער איך אדער מאכיר מאכט ביכלאך ער מיז זיין פון די היינטיגע סטאקראטין וואס דאס איז זייער גאנצער ציעל וואס שטייט דארט עפים ,

לילית-ער לאכט דארט אוים פיל שיינע זאכין אונז האט ער שון גאר פאר ברענט אוף אש ,

שטן-אהא מאלאדיעץ ער איז פון מיינע יונגע לייט דען איך האב אזו אהן גימאכט פיל קליגעטשיקע וואס לאבען מיטען מויל אבער ניט מיטען הארצען פאראנדען אדיגיקראחמאליטע וואס מאבין בייא טאג פון אונז דאס גרעסטי גילעכטער אין בייא נאכט חאטש זיי דעקין זיך צו

מיט

מִיט דֶער קָאלְדְרֶע אִיבֶּער׳דֶעם קָאפּ וַואוֹרְפְט מִיט זַייא זִיבֶּען יוּרֶענֶע קַדָחַת סֶע קְלָאפְּט זַיי אַצְאן אִין אָצְאן דֶען זַייא הָאבִּין גִיהֶערְט אַקָאץ אַקְלָאפּ טָאן מַייְנֶען זַיי אַז לִילִית גֵייט

לִילִית - אִיךְ צוּ זַייא, נָאךְ וָואס, אַ נַארִישֶׁע מֶענְטְשִׁין גְלוֹיבֶּען אַז גָאט הָאט בַּאשַׁאפֶען אַזֹא זַאךְ וָואס טוּט אַלְדִינְג וָואס מֶע טָאר נִיט אַזוֹינֶע מִיסֶע זַאכֶען וָואס זִיא דַארְף זַייא גָאר נִיט נָאר אַבִּי אִים אוֹיף צְלָהֶת נָאר נָאךְ אַלִימֶען אִיךְ בִּין דָאךְ נִיט מֶער וִויא אַשְׁוַואךְ וֶועזִין אַצֶערְטְלִיךְ דַאמִיכִין אוּנ זַייא הָאבֶּען זִיךְ גָאר נִיט פַּיינְט נִיט דִיא הַאר שְׁפִּיצְטֶע נִיט דִיא אַבֶּער גְלוֹיבֶּער אִיךְ הָאבּ אָמָאל אַלַיין גְוֶעהִין גֵיין בְּנַאכְט אַגְרוֹיס גִיבֶּעלְדִיטִיר אַרִיסְטָעקְרַאט מִיט אַ גִיקְרָאחְמַאלִיט הַארְץ אַהוֹיכֶען צִילֶענְדִיר מִיט אַהִינֶער רֶיזֶענְקִי אוֹף וֶועלְכִין אִיז גִיהַאנְגֶען זַיין גַאנְצֶע אַבְּרַאזָאוָואנְיֶע נִיט וַוייט פוּן אִים אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען אַקְלַיין. חָאסִידִינְקֶעלִי מִיט אַ צִיחְרַאסְטִיטִין בִּיזֶעם מִיט אַגְרוֹיסֶער יַארְמִילְקֶע אוּנ וֶועלְכִין עֶר פַאר שְׁפַּארְט זַיין גַאנְץ יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ זַייא הָאבֶּען קַיין מוֹרָה נִיט גִיהַאט טָאמִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶער הַאפֶּען צוּא זַייא דֶען זַייא הָאבֶּען נָאר מוֹרָא פַאר אַשֵׁד אָבֶּער פְרוֹיֶען צִימֶער אֲפִילוּ אַשֶׁעדִיבֶע אִיז אוֹיךְ נִישְׁקָשֶׁה.

שָׂטָן, אָט וַוייסְטוּ גָאר וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען אָט דִיא פִּיץ זִיךְ נָאר אוֹיס אַקָארַאט אוּנ גֵיי זִיךְ נָאר דוּרְךְ צוּא אַזוֹינֶע בִּיכֶעל שְׁרַייבֶּער אוּנ גְלוֹיבֶּער קֶען אִיךְ מִיךְ מִיט דִיר וֶועטִין אַז דִיא וָואלְסְט נָאךְ גִיקוּמֶען מִיט פִּיל לִיאַבָּאוְונֶע פְּרָאזֶעס אוּנ מִיט שֵׁיינֶע בַּאקֶעטִין הַא הַא הַא,

---

נַאנְטֶעס קַאפִּיטֶעל

וָואס אִיז דֶען אַזוֹי דֶער אַשְׁמְדַאי.

גִינוּג צוּא לַאכֶען הָאט דֶער אַשְׁמְדַאי אַזָאג גִיטָאן אוּם קִירֶענְדִיג צוּא מִיר אִיךְ זֶעה אַז דוּא בִּיסְט אַגַאנְץ וואוּל יוּנְגֶעל אַשְׁטִיקֶעל אוֹיף גִיקְלֶערְטֶער נָאר דוּא הָאסְט נֶעבִּיךְ פָּשׁוּט קַיין שֵׂכֶל נִיט דִיא לֶערֶנְסְט אוּנ וַוייסְט נִיט וָואס דִיא וֶועהְסְט אֲפִילוּ גְמָרָא מִיט שֵׁדִים מִיט מַזִיקִים אוּנ פַאר שְׁטֵייסְט נִיט וָואס זַייא מַיינֶען קְלֶערְסְטוּ אַז זַייא הָאבֶּען גִימֵיינְט פְּרָאסְט אוּנ הָאסְט פָּארְט נִיט גִיגְלַייבְּט בִּיסְטוּ דָאךְ טַאקֶע גִיוֶועז אַיין אַפִּיקוֹרֶס קְלֶערְסְטוּ אַנְדֶערְשׁ אַז סֶע אִיז פַאראַן אוּנ דֶעם אַכַּוָנָה וָואס דִיא

פאר

פאר שְׁטֵייסְט נִיט וָואס זֶע מַאכְטְּ פוּן זֵייא גִילֶעכְטֶער אוּנ גְלֵייבְּסְט צִינְד
דַיין פַאנְטַאזִי וֶועלְכֵי שְׁטֶעלְט דִיר פָאר אַלְדִינְג מִיט גְרָאבֶּע פַארְבִּין פֶּע
סֶע אִיז נִיט שֵׁיין אַזַא קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַזוֹי בַּאגֵיין נָאר וַוייל
דוּא בִּיסְט מִיר גִיפֶעלִין וֶועל אִיךְ דִיר גִיבֶּען צוּא פַאר שְׁטִיין
אַזוֹי דֶעם גִישֶׁעפְט אַקְרַאטְזָאלְסְט וִויסִין אַז קֵיין שֵׁדִים גֵייעֶן נִיט אַרוּם
הַאפִּין קֵיין מֶענְטְשִׁין אִין דִיא גַאסִין אַדְרַבָּה מֶענְטְשִׁין לֵייפִין זֵייא נָאךְ
אָט אַזוֹי וִויא דִיךְ הָאט דֶען אִימֶעצֶער גִיבְּרַאכְט אַהֶער דוּא בִּיסְט אַלֵיין
גִיקוּמֶען אִין דֶער אַשְׁמְדַאי שָׂטָן לִילִית אוּנ אַלֶע שֵׁדִים וָואס זַאנִין אַמָאל
גִיוֶועזֶען זַאנֶען הַיינְט נִיטָא דֶען אַלֶע יָאר וֶוערְט אַיין אַנְדֶער פָארְמֶע אוּף
אוּנְז אוּנ אִיבֶּער וִוימֶען אִיבֶּער אַייךְ וָוארוּם אִיר מֶענְטְשִׁין הָאט אַ־נַאטָאר
אַז דָאס וָואס אִיר הָאט פַאר אַיָאהְרֶען גִיצִיטֶערְט פַאר דֶעם לוּיפְט אִיר
דֶעם הַיינְט נָאךְ אוּנ וֶועלְכֶען אִיר זַאנְט פְרִיעֶר נָאךְ גִילָאפֶען אַנְטְלוֹיפְט
אִיר הַיינְט דֶער פוּן וִויא פוּן פַייאֶר אִיבֶּער דֶעם וֶוערֶען דִיא שֵׁדִים אוֹיךְ
אַנְדֶערְשׁ, אָט עֶרְשְׁט הַיינְט הָאבֶּען מִיר גִיזֶעצְט אַקָאמִיסִיֶע זֵייא זָאלֶען
בַּאקְלֶערִין וַוייטֶער עֶפִּיס אַנַאיֶיע פָארְמֶע אַז מִיר זָאלֶען טַאקֶע קֶענֶען
מַזִיק זַיין מֶענְטְשִׁין אִין דִיא גַאסִין אוּנ קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִיט אוּם קוּקִין
אִין יֶעדֶער דוֹר אִיז דָא מַזִיקִים וֶועדְלִיג דִיא מֶענְטְשֶׁען פוּנֶעם דוֹר מִיט
זֵייעֶרִי גֵיינְג זָאלְסְטוּ וִויסֶען אַז דִיא חַכְמֵי הַשַּׁ״ס זַאנֶען גִיוֶוען גְרוֹיסֶע
חֲכָמִים אוּנ נָאךְ גְרֶעסֶערֶע מְלִיצִים זֵייא הָאבֶּען גִיקֶענְט אָפּ מָאלִין אַזַאךְ
אַזוֹי אֵיידֶעל אַז מֶען זָאל זִיא קָאם אָן זֶעהֶען וִויא גִיט הָאבֶּען זֵייא
אוּנְז גִיהַארַאקְטִירִיזִירְט אִין זֵייעֶר צַייט זֵייא הָאבֶּען אוּנְז מִיט אַזוֹינֶע
קְרַאסְקֶעס אַז וֶוער סֶע הָאט נָאר גִיהַאט עֶפִּיס פַאר שְׁטַאנְד הָאט בַּאלְד
גִיזֶעהִין וֶועמֶען מֶען מֵיינְט וִויא גְלַייךְ הָאבֶּען זֵייא גִישִׁילְדִירְט דִי צַייטֶען
פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וָואס עֶר הָאט אוּיף דֶער עֶלְטֶער אָן גִיהוֹבֶּען נָאךְ גִיבִּין
דִיא וַוייבֶּער מִיט דִיא וֶוערְטִיר שְׁלֹמֹה הָאט גִיהַאלְטֶען דֶעם אַשְׁמְדַאי
אוֹיף אַ קֵייט וָואס אוּיף אִיר אִיז גִיוֶועזֶען גִיקְרֶעצְט דֶער שֵׁם הַמְּפוֹרָשׁ
אַז עֶר הָאט אִים גִיפְרֶעגְט מִיט וָואס אִיז דַיין קְרֶעפְטִּישְׁטַארְק? הָאט
אִים דֶער אַשְׁמְדַאי גִיעֶנְפֶערְט נֶעם בַּייא מִיר אַרָאפּ דִיא קֵייט אוּנ גִיבּ
מִיר דַיין פִינְגֶערֶעל וֶועסְטוּ זֶעהֶען וָואס אִיךְ קֶען שְׁלֹמֹה הָאט אַזוֹ גִיטָאן
הָאט אִים דֶער אַשְׁמְדַאי פַאר·שְׁפִּיגֶען זֵייעֶר. וַוייט אוּנ צְווייא תַּנָּאִים
קְרִיגֶען אֵיינֶער זָאגְט אַז שְׁלֹמֹה אִיז גִיבְּלִיבֶּען אַפְּרָאסְטַאק אוּנ דֶער אַשְׁמְדַאי
אִיז גִיזֶעסֶען אוּף זַיין שְׁטִיל אוּנ אֵיינֶער זָאגְט אַז עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גִיטָאן
אוּנ אִיז גִיוָוארֶען וַוייטֶער אַקִינִיג אוּנ דֶעם אַשְׁמְדַאי מִיט דִי הִינֶערְשִׁי
פִיסְלַאךְ הָאט עֶר פַאר טְרִיבֶּען צוּ אַלְדֶע רוּחוֹת · וֶוער סֶע הָאט נָאר
גיהאט

גיהאט אויגען אין קאפ האט ער זיך באלד גיזעהן וואס מע מיינט דען אין יענע צייטען ווען דיא נארישע מיטאלאגיע האט איין גירעט דיא זאכען אלע געצין דינער האבען זיך דיא יודעשע חכמים באדינט דער מיט נאר אויף ארויס גיבען זייערי קריטירשע גידיינקען מיט סאטירישע אהן וויזינג דער קליגער האט פאר שטאנען אונ פאר שטייט נאך היינט אויך אז אזוינע קליגע אונ געטליכע מענטשען האבען ניט גיגלייבט אזעלכי נארישקייט אונ וויא מיר באגיגענען אזא שמים דארפין מיר וויסען אז סע איז נאר אריטעגעם אזוי וויא דא , אז זיי האבין גיוואלט קריטיקירען שלמה'ן זייא האבען אבער גיוואלט פאר דעקען אז דער המון עם זאל ניט וויסין אזוי אפענטליך וואס מע רעט אויף אזא ערליכען קליגען קינוג האבען זייא דאס פאר שטעלט אין א מיטאלאגישער מאסקע ווען דער פראסטער נארד האט גיהאפט וויא ציקער לעקאך אונ דער קליגער האט באלד פאר שטאנען אז מייגען מיינט מען נאר אזוי שלמה איז גיוועזן אגאנץ ערליכער קינוג ער האט גהאט מין דעם אשמדאי דאס מיינט מען דעם מזיק וועלכער ער איז דערמאלט שעדליך גיוועזן פארין מענטשינטאם דער שלעכטיר נידיינק וואס האט גיהערשט דינען אפ געטער פאר קאוויט אויף א קייט וואס אויף איר איז גישטאנען אויס גיקריצט דער שם המפורש · גאטס נאמען איז גיוועזן גיקריצט בייא שלמה'ן אין קאפ ער האט שטענדיג גיטראכט גאטס גרויסקייט האט שוין בייא אים גיהאט אפאנים דער גידיינק פון אפ געטער צו וויא מיר ריפען צונד דער אשמדאי אזוי וויא די בלאטע דען דער וואס ווייסט גאטס גרויסקייט וועט ניט קריכען אין דער בלאטעקער דינסט פון דיא טוטע אידאלען נאר אמאל אז שלמה איז גיוועזן פרייליך האט ער אן גיהובען קלערען דיא יצר הרע מיט וואס ביסטו אזוי שטארק דיא רעטכט אן מענטשען צו אזוינע מענטשען צו אזוינע נארישע זאכען אט זונט איך בין קינוג האסטו מיך נאך ניט אראפ גיפירט אפילו אויף אהאר דא ענטפערט ער אים טוא אויס דעם שם המפורש פון מיר וועסטו זעהין מיין קרעפט דער מיט האבען דיא חכמים גימיינט צו ווייזען אז ווען ער זאל נאר פאר געסען איין מינוט אין גאט וועט ער שון פאר קריכען אהין וויא סע פאסט ניט שלמה האט אזו גטאן דען ער האט גטאן אקעגען גאט אקליינינקייט ער האט גנומען צו פיל ווייבער האט אים שוין דער אשמדאי פאר שפיגען זייער ווייט דען ער האט גלאזט דיא ווייבער אפ געטער דינען אונ חאטש ער האט ווייטער גדינט גאט האט מען גרופן דיא ווייבערשע געטער אויף זיין נאמין פאר

אזא אקליגען קיניג הייסט דאס אגרויסער פאל אונ דיא צוויא תנאים וואס
ווילין זאגען צו האט ער זיך בייא טראכט צו גיין זאגט איינער אז ער איז
גבליבין אפראסטאק אונ דער צווייטער זאגט אז ער האט זיך באטראכט אונ
האט תשובה גטאן ער איז ווייטער געווארין אפרומער קיניג אונ דעם
אשמדאי מיט דיא הינערשי פיסלאך האט ער פאר טריבען דען אין אמת
האט נארישקייט אזא שטארקייט וויא סע שטייט אויף הינערשע פיסלאך
ווען מען באטראכט זיך קען מען דאס פאר טרייבין אט אזו קליג האבען
זייא זיך אויס גיצייכינט אין דעם אונ נאך אין אזוי פיל זאכען וויא דיא
וועסט באגיגענען אין גרויסען תלמודישען מער איז אימעטים פאראן
איין איידלע כוונה נאר צונד אויס רעכענען דיר אלץ איז קליין דיא
צייט איין אנדערש מאל וועל איך דיר ווייזען וויא נאריש איר מענטשין
זאגט אז איר פאר שטייט ניט איין ווארט זייא האבען אונז גיט גמאלט
נאר איר מאלט אונז שלעכט קום אז דיא ווילסט מיט מיר אין אונזער
אקאדעמיע וועסטו הערין ווערטער פון מיר פון מיין מוגיסטער בכור
מות פון דער כנאהיני לילית אונ אט פון דעם שטן טאקע אליין וועסטו
זיין דארט וויסען אונזער קינטש, איך האב זיך באדיינקט גאנץ איידעל
אין גיין מיט אים אין אקאדעמיע גוטע יארען קינדערלאך איך וואס
איך האב גיזאכט פון אלדונג גייא היינט מיט אים שפאצירען נאר אז
איך האב ניט גיהאט בין איך זיא גיגאנגען זוכין אונ האב גראד
גיטראפען צום טייוועל דארפט איר פון מיר ניט לאבען ווארום אז איר
וועט לאבען וועל איך אויס זאגען ווען איך האב דארט גיזעהען
מאכט זיא זיך ניט וויסינגהעג אונ רייסט מיר ניט אוף דאס מויל איך האב
מיט אים אגישפאצירט אפאר שטאנדין אונ האב אן גיהערט פיל זאכען
וועלכע איך וועל אייך אנדערש מאל אויס שרייבען דער ווייל האב איך
דער זעהען אגרויסען דאס אויף וועלבען עס איז גיהאנגען אשילד מיט
גרויסע בוכשטאבען גישריבען אונוועדזיטעט נא אדיינק גאט בין איך
שוין אפנים אופין ארט.

צעהנטעם קאפיטעל

ווער האט גיגלויבט ? זאגט אן שפעט ! אז שדים האבען איין אוניווערזיטעט !

צו האב איך זיך אמאל גיקענט. אויס מאלען אז שדים זאלען זייך העכסט גילערינט אויף אזא גראד אונ זאלען האבען איין אוניווערזיטעט ניין נאר אונ איר מיינע קליגע לעזערלאך היינט וועלטיקע יונגע לייטלאך מאדנע דאמעלאך איידלע מאמזעלאכלאך אז האט זיך דאס גיגלייבט איא ניין אמאי מיר האבען זיך ניט גיגלייבט נאך פיל זאכען וועלכע מיר זעהין היינט מיט דיא אויגען איר קענט דאך מיך שוין פון לאנג אז איך בין אבעלין איך אויס זאגען פריער איידער איר פרובט נאך טרעפין איך וועל איך היינט אויך אויס זאגען פריער צוא האבען מיר אלע אין איינעם גיגלייבט אז מענטשען וועלכי זאגען העכסט גלערינט זאלען זיין שדים אונ אפט מאל נאך ערגער פון שדים ? צוא האבען מיר זיך גיקענט גלייבין אז פרייסען מיטען גאנצין פרייהייט נאך דער פראנצויזישער קריג זאלען אזוי פיל פיינט האבען א יודען אונ דאס זאל נאך הייסען בולדינג ? צוא האבען מיר גיקענט גלייבעז אז ווען מיר וועלען זיך גוט אויס בילדען וועט מען אונז ערשט פריטישנייען מיט אלערלייא פריטישנייענים ? צוא האבען אמאל גיגלייבט אונזערע אלטע חסידים אז אגיטער יוד קען זיין אן תורה אונ אן חכמה אונ ניט פרום אויך דער צו ? צו האבען זיך אמאל גיקענט גלייבען אלע חסידעשע יונגע לייטלאך אז זייערע ווייבער זאלען האבען קינדער א יאר נאך דער חתונה ביז דער רבי וועט זייא ניט פוקד זיין ? צוא האבען זיך אמאל גיקענט גלייבען דיא גיבילדעטי אז היינט זאל הייסען בולדינג אמאדנע קלייד ? צוא האבען זיך אמאל גיקענט גלייבען אלע גרויסע פערפאסער אז אין היינטעקע יארען זאל אין קוצין אויך זיין אשיין פערפאסונג ? צו האבען מיר זיך אלע גיקענט גלויבען אז מיר וועלען נאך אמאל פטור ווערען פונים קאהילשען חדר ? צוא האבען זיך אמאל גיגלובט אונזערי פאלאמאצען אז וויא נאבארען וועלען זיין אונ קיין אבדעקים וועלען זייא פארט ניט עסין ? צוא האבען דען גיקענט גלייבען דיא העברישען נביאים אז מע וועט זייא אן הובין אפ נעמען סשטשאט אזא גיין אט די אלע זאכין האבין מיר ניט גיגלובט. אין היינט אדיינק גאט זעהין מיר

מיר אלדונג מיר מעגין טאקע זאגין גיטע יארין האבין. מיר דער לעבט מיר
האבין זיך דער לעבט אז מענשין זענין ערגיר פון שדים אין פרייסען
אגע אז אלע אומגליקען נעמין זיך זייא פון יודען אין בייא אונזערער
גיבילדעטיר וועלט נעמט מען צו דיא פרנסה מיר האבין זיך דר לעבט
גיטע יודען אהן תורה אין בייא אונזערי יונגע לייטליך האבין די ווייבר
קינדער אהן ארבין אין נאך דווקא צווייא יאר פאר דער חתונה אין
איינגערבמאן מיט אמינישקע הייסט פארט אגיבילדעטער אין אז איינער
שרייבט אין קוצן הייסט ער טאקע אגרויסער פערפאסער אין פונעם
קהלשען חדר זאגין מיר אדרייניק גאט ארוים מיר מעגין שוין אוים זאגען
פונעם חדר קאלי גיוואָרין דער קאנטשיק אין מיר האבין זיך דער לעבט
אז דער פאלאצאץ איז אויך ניט קריינק עסין קיין ברויט אין אונזערע
חבר'שע גבאים רייסט מען אויס אצאן פאר יעדיר גראשין דער לעבט
גיטע יאהרין מעגין מיר שון גלייבין אזעלכס וואס מיר האבין ניט גיגלויבט
מעגין מיר טאקע גלויבען אז שדים האבין איין אוניווערזיטעט ווארום
שדים זאגין טאקע דא זייער פיל ניט אזעלכע וואס פארין אין שטאל
בייטענדיק אויף די פערד אין פלעכטין זיי צעפלאך אין ניט אזוגע וואס
האפין קינדער פינעם קינד בעט נאר אזוגע וואס האפין גרויסע מענטשן
אין קליגע איך האב קיין מורא ניט טאמער וועלין פיל גרויסע
נארין זאגין אז איך בין איין אפיקורס ווייל איך גלויב ניט אין
דיא שטאל שדים פאל איך באיי זיך ווייניג אראפ דען זיי האבין
אהן אלימען פון פריער גיזאגט אזוי שרעק איך מיך איבער גאנץ ווייניג
טאמער וועלין עטליכע קליגטשקע זאגין אז איך בין אנאר איין אבער
גלויבער דען אזוי קלוג וויא זייא בין איך אויך נאר וויהין טייג גאר די
בייד צי איר גלייבט יא צו איר גלייבט ניט וועט איר לייענין ווארום איר
האט זיך באצאלט געלט דער פאר אונ ווייטער פראמיר סענט איר ניט
לייענין אויך מאכט מיר אויך ניט אויס נאר פון דעסט וועגין מוז איך
דאך קאנטשין הערט זיא ווייטער וויא איך בין גאר אריין אין דעם אוני
ווערזיטעט זעה איך אז ער איז אהן גישטופען פיל פון וואנד צו וואנד
אז סע איז ניטא וויא אשפילקע דורך צו ווארפען אין מיטען שטייט
אגרויסער באלעמיר אזעלכין סע איז גישטאנען איינער יונגער מאן איך
טיא אפרעג ווער דאס איז זאגט מען מיר אז דאס איז דער מיניסטער
בכור מות איך הייב זיך אן צו אים צו קוקן צו הט ער דעם פנים פון
אדראשע האבניק ווער וואס אבער גאר לא גלייבט מיר הען ער זאל זיך
דורך גיין צווא איני וואלט אים קיינער ניט דער קענט אפילו קיין
פאראזורעניע

פאראורעגע וואלט איך קיינער ניט גיהאט אויף אים העלפען מע קען זיין אגיטער בריידער מיט אים אין ווען ער דער קוועצט איינעם פאר אינזערי אויגען גלויבט מען זיך נאך ניט אונ מע לעבט מיט אים ווייטער גיט ער האט אויף גיעפינט זיין שעדעס פיסקיע אונ האט אן גיהייבען שיטין רייד אזוי פון אזאך אונ האט זיך דווקא ניט גישאקעלט וויא אליטוועשיר מגיד טאמיר ווילט איר הערין זיין דרשה וועל איך אייך נאך זאגן ווארט אונ ווארט.

עלעפטעס קאפיטעל

א קאפ פון אמיניסטער

הערט קינדער מיט חשק אט א דאס האט ער גידארשיט הערט צוא מיינע רייד קלוגע שדים אלע מזיקים הערט צוא מיט קאפ דיא ווערטיר פון מיין מויל זאלט איר געמין אין זינען וואס איך וועל דא אייך זאגין זאלט איר גיט פאר שטיין דען איך וועל אייך זאגין וואזנע זאכען פון אייער טובה ווענין זינט גאט האט דיא וועלט בשאפען זאנין מיר אויך גיוועז אציים מיט יאהרען זאנען מיר גיגאנגען ליידעג אין לויז מיר זאנען גיוועזן פאסטאפסניקים דען סע איז גיוועזן זייער ווייניג מענטשין אויף דער וועלט ביטערע יאהרען פינצטערי איז דאס גיוועזן פאר אונז מיר האבין קיין ארבעט ניט גיהאט מיר זאנין גינוג פאר שווארץ גיווארין אים גייט האבין מיר גיליטען פיל זאנין מיר אפ גיקומען ביז דיא מענטשין האבין זיך צוא זייט אין צוא שפרייט איז אונז אביסיל צום לעבין גיקומען פרייער האבין מיר שוין גישעפט דיא לופט דען מע האט אונז אן גיהייבין פאר געטירין אין אקירצער צייט זאנען מיר אזוי פאר געטירט גיווארין אז מע האט גישטאבין מענטשין אין דיא גאסין פון אונזערט וועגין אהא! קיין בעמירי יארין האבין מיר ניט בייא דארפט אלע זאנין מיט אונז אזוי פיל גיוועזן פאר נומען אזוי האבין גאר פאר געסין צוא באטראכטין וואס זיי טוען סע האט גיטאן מעשים אשר לא יעשו דיא אידעלסטי צערטליכסטע מוטער האט מיט איר האנט דער שטאבין איר ליבסטע קינד דער ערבארמקסטער פאטער האט זיין קינד גיווארפין אין פייער גיטע יאהרין טייערי אזוינע וועלין זיך שוין ניט אום קערין פליצלונג איז אבער פאר גאנגען דיא זין פון אונזער גליק דיא שיין פון אונזערער לעבטיגין שיקזאל האט זיך פאר דעקט מיט אגרויסין וואלקען דען דער

גרויסע

גרויסער גאָט האָט פּליצלינגער שײַנט גאויף דער וועלט פּאַר זיין שיין
זאגען מיר טינקעל געוואָרען פינסטער איז אונז געוואָרען אקיגען זיין לעבטיגער
שיינונג ביטער איז אונז געוואָרען פון זיינע ציקער זיסע רייד שלעכט איז
אונז געוואָרען פון זיין גיט לערנונג מיר זאנין זיך צו לאָפין אין גרויסע וויסטע
ערטיר אונ אלע וויסטעניש האבען מיר געוואונט דען עגיפטין דס רעכטע
אָרט פון אונזער ריהונג אונ עגיפטין וויא מע האָט אונז גיהיילעגט מיין
וויא אונ אלע לענדער אונ עגיפטין וויא בלוט האָט זיך וויא וואסער
גיגאסען אונ עגיפטין וואס איז געוועזן פיל מיט אונזערי אגענטין צובערינגער
אונ צובערינין אונ דעם עגיפטין אה, האָט זיך באוויזען דער גראָסער גאָ ז
פון דער וועלט אונ האָט זייא באוויזין וואסער אפנים זייא האבען וויא
נאריש זייא זאגען ער האט זיך צוא גינומען יודעלאך פון דאָרט אונ דער
גרעסטער פּוסטיני האָט ער זייא לעבטיג גימאכט דיא אויגען צו זעהין
וויא פּאַרש מיר זאגען אזוי וויא מיט אשטורעם ווינט האָט ער אויס גיריסען
פון זייער הארץ דאס נארישע גלייבען האָט זייא אזוי לאַנג גילערינט
ביז זייא האבען אונז פאר אכטעט אונ פאר ראכטעט צייטענס ווייס
אפילו פלעגין זיך דיא יודעלעך צוא האַפען צוא אונז אבער נאר אויף
איין ווייל'ע דעז דער וואס האט שוין גיהאנדעלט אביסעל נאוקע האטשי
אפילו נאר אויף א פראבע איז ער שוין אמבין אויף סחורה וועסט אים
ניט איין ריידען אופין הימעל איאריד את פריוו נאר אוויילע נאר אים
עפּים אפ וועט ער זיך אונ אמינוט ארום אום קוקען אונ וועט דיך אפ
נארען זיבען מאל אזוי פיל ביטערי יאהרען פינצטערע אזוינע יאהרין
זאלען זיך ניט אום קערין דען אונ אקירצער צייט האבען אלע פעלקיר
גינאסט פון דיא יודען צוא ביסלעך אונ האבען אונז דורך גיטריבען פון
זייערי לענדיר מיר האבען זיך גיבלאנקיט אויף דער וועלט איבער
פעלדער איבער וועלדער אליינגע צייט האבען מיר זיך דעמאלט ביא
טראכט אונ האבען גימאכט אנייע רעפארמע איז אונז ווייטער צום לעבין
גיקומען דיא רעפארמע איז באשטאנען אונ דיזען דער שטן האט מיט
ליליתין דעמאלט גיהאט אקינד וועלכין זייא האבין אנאמען גיגעבין שנאת
חדת דאס קינד האבען זייא ארויס גישיקט אויף דער וועלט ער האט
גימאכט אקריג צווישען אלע פעלקיר ער האט זייא אזוי צוא רייצט אז
זייא האבען זיך גיהארגית אפין פיר בלוט אין אונ אלע גאסין גירעגינט
וועד שמיסט את דיא יודען וועלכע זאגען געוועזן דיא ערשטע אונז קאלי
צוא מאכען האבען מיר זיך נוקס געוועזן גיט מיר האבען גיבראדעט ביז
אין האלדז אין זייער בליט אלע מענטשין האבין דעמאלט גיגלייבט אין

שדים

שדים האט זיך אויס געוויזן אז מיר פארן ווייטענדיק אויף פערד דער
האט אונז געזעהן באנאכט אין פוסטע הייזער מיט לאנגע צינגען מיט
רויטע אויגען מיט שווארצע ציין מיט פייערדיגע ווידלען איינער האט
געזעהן אלץ דעם צווייטען האט זיך באוויזען אדאמאוואי דעם האט מען
מזיק געוועזן אויף טוט און יענים האט מען פאר פירט און אבלאטע איז
ער געשטאנען ביז דער האן האט אקריי געטאן מע האט געגלויבט אז מיר
וויינען און בלאטע אז מע פלעגט שוין זאגען אבי באלאטע אצורט באדיי
אבער און אמת האט גאר קיינער ניט געוואלט באטראכטין אז מיר פלעגין.
ניט פארען אויף קיין פערד אדרבא נאר אויף מענטשין פלעגין מיר פארען
קיין מאל האבען מיר ניט געווינט און בקאטע נאר זייא האבען מיר
געפירט און בלאטע און מיר פלעגין טאקע וואונען און גרויסע מויערין
ביי פירשטין און ביי קיניגען אויך ביי דיא גרעסטי פיליזאפען אונזער
הויפט קוואטיר איז געוועזן אין שפאניען דארט האט מען אונז געסטרויעט
טעמפלין מיטען נאמען אינקוויזיציאן מע האט געמאכט פריסטער אונזער
נאמען אינקוויזיטארין מזבחות האבען זייא געבאוויט פון נארישע ג וויבען
זייא האבען געקולעט קרבנות פון איידעלע לייט דר אוף האט מען געגאסין
אגיסינג בלוט מיט טרערין פון אום שולדעקע פון דעמאלט האבען מיר
ווייטער זייערי ביטערי צייטען דען סע האבען זיך געוועט בעלי שמות
און שרייבען אפ קאמיעת צוא פר טרייבען דעם שד שנאת הדת ניט
אזונע בעלי שמות וואס פארען ארום אויף דער וועלט און געבען ווייבער
סגולות ניט אזונע וואס שרייבען קאמיעת מיט מלאכים כתב אז קיינער
זאל ניט קענין לייענין און פראוודע זייא אליין אויך ניט·אונזערי הייטעגי
בעלי שמות שרייבען אזא כתב אז יעדער זאל קענין לעזען פון גרויס ביז
קליין זאלען גלייך פאר שטיין זייא שרייבען קאמיעת אבער אקעלקע
וואזנע אז סע נעמט צוא דעם טייבעל אזוי וויא מיט א האנט , שנאת
הדת שנאת הדת דיא שרעקליכסטער מזיק פאר דיין איין נאמען האט
געציטערט דיא וועלט און היינט וויא וואלגירסט דיא זאך , אויף דיא
מוסטען , אזוי איידעל וויא דוא ביסט געצוגען געווארען ביי אלע קיניגען
אפין שוים היינט ביסטו איבער געגאנגען צוא עטליכע גראבע מענטשין
מיט שלי־טי הארעקטירין צו גרויסע נארין צוא אום געבילדעטי לייט
מיט איין ווארט צו עטליכע ווילדע אייזיאטער וואס קליידען יעווראפיעס.
אזוי וויא עטליכע פון אונזערי רוסעשע זורנאליסטען אגאלים אקיווליאגין
און נאך אזונע אבער מיט וואס האדעוועען זייא דיך ניט מיט קיין בלוט
גיין געטא קיין עלילת דם צוא זייער הארץ ווייטעג ווייסען שוין האנט
אלע

אלע אז קיין בלוט טארין קיין יורען ניט גיבן אפילו אין מיטען יאהר
ניט נאר אין פסח אפילו פון קיין בהמה טאר מען אויך ניט עסין ניט
נאר פון קיין מענטשין ניטא שוין דער נארישער גלייבין וואס דאס איז
גיוועין דיין בעסטיר חארטש דיין גישמאקסטע שפייז זיי האדאוועין דיך
נאר מיט עטליכע נארישע ווערטיר זייא קענין זאגין ושידי אבמאנציקי
טארגאוציקי שינקארי ארינדאטערי אבער ניט מיט דעם קען זיך אהן
זעטין אזא גזונטער מזיק אין אקירצער צייט וועט ער מוזען שטארבין
פון הונגער בע מע שרייבט אים אפ קאמיעס טאג אין טאג אין זייא העלפין
זייער קינציג אין מיר שיידים זאלין שווייגין זיך לאזין שפייען אין שיסעל
אריין עפיס אויך ניט שיין מיר מוזען טראכטין איין עצה דער צוא
מיר דארפין מאכין אז דיא וועלט זאל ווייטער האבין צוא טאן מיט אינז
נעמט אייך אפרימער פון מיר בכור מות דאס ערשטע מאל אז איך בין
ארויס אויף דער וועלט בין איך פיל גיוועין מיט אייגין פון אויבין ביז
אראפ אין האב גיהאלטין אלאנגע שווערד איך פלעג ארום גיין אין גאס
אין יעדעריר פלעגט מיך זעהין מיינט איר אז איך האב עפיס גיט גימאכט
אפילע אפיצעל ניט דען זייא האבין זיך גיהיט פאר מיר וויא פאר פייער
וויפיל איך האב גיהאריוועט פלעג איך קאם דער טאפין אמענטשין פון
וועקס זיבען הינדערט יאר איך האב גיזעהין אז סע איז שלעכט האב איך
אן גיטאן אמאסקע אויף דיא אויגען אין איך האב בייא האלטין דיא
שווערד אונטער דיא קליידער אבער סע האט מיר אויך גאר ווייניק
גיהאלפין דען קאם בין איך אריין אין אשטאל האבין הינט אן גיהויבען
בילין דאס פלעגט זיי דער מאנין אין מיר פלעגין זייא זיכין אלע ספאסאבין
וויא ארום זייא זאלין פון מיר אנטרינען איך בין זיך אבער אויך מיישב
אין האב גימאכט אשפאגיר נייעם ספאסאב וויא ארום איך זאל זייא האפין
אז קיין הינט זאל שוין אויך ניט בילין האב איך אויס גיקליבען אויף
דער וועלט עטליכע פיינע דאקטורים אין האב זייא גימאכט פאר
מיינע אגענטין אין זייא האבין גימאכט נייע מאדעס אז סע טוט
איינעם וויא אקאפ הייסט דאס אפיבער טוט מען אהיסט ווערט
דאס אקאטער עטוואס היטץ הייסט אטיפעס קילט מען זיך
צו הייסט דאס רעמאטעס וואס אמאל איז מען דאס אפ גיקומען מיט
ליפעווע אדער בזעווע צוויט אדער גאר מיט ווערים קרויט אין היינט
מאכט מען דער פון גאנצע שפיציאלן גאנץ בראווע יונגען מייני אגענטין
איך האב זייא גיגיבן מיין שווערד צו די הענט זייא שניידען אזוי גיזינד
אז איך פאספייע ניט אויף צו גייאן וועד עס וויל נאר סטראבירין אין

מיין

מַיין קַאנְטָאר גִיט עֶר צוּ זַייא גֶזֶונְטֶע אִין שְׁטַארְקֶע שִׁיקְן זַייא
מִיר צוּ אִין מַיין קַאנְטָאר סְטְרַאבִּירְט מֶען נָאר מִיט עֶרְד גִידֶעקְט אִיךְ
הָאבּ זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ פַאר מַאסְקִירְט אִין גֵייא אַרוּם אִין דִיא גַאסֶען
פַרַיינְק אִין פְרַייא קֵיין הִינְט בִּילְט אוֹיף מִיר אוֹיךְ נִיט אִיךְ בִּין אַגִיטֶער
בְּרוּדֶער מִיט אַלֶע קְלַאסֶען מֶענְטְשִׁין אִיךְ גֵייא מִיט זַייא אוֹיף בַּאלִין אִיךְ
טַאנְץ מִיט זַיי אוֹיף מַאסְקֶערַאדִין דֶער בַּאל טַייט זַייא דֶער מַאסְקִירַאר
הַארְגִיט זַייא אִין אִיךְ שְׁנַייד וִויא וַוייט. אִיךְ קֶען קֵיינֶער קִיקְט זִיךְ גָאר
נִיט אַרוּם אָט אַזוֹ דַארְף זַיין. קִיקְט זִיךְ אַרוּם בַּאטְרַאכְט זִיךְ מַאכְט עֶפִּים
אַזַא מִין פַארְמֶען טוּט אָן אַזוֹנֶע מַאסְקֶעס אַז מֶע זָאל אַייךְ נָאךְ לוֹיפִין
אִין דִיא גַאסֶען מֶע זָאל אַייךְ הַאפִּין אַזוֹ וִויא עֶפִּים רֶעבְּטִס פַאר שְׁטַייט
אִיר מֶע זָאל קֵיין קָמֵיעוֹת נִיט שְׁרַייבֶּען אַייךְ צוּ פַאר טְרַייבֶּען מֶע זָאל
אַייךְ קִישֶׁען אִין אִיר זָאלְט בַּייסֶען מִיט אַזוֹ וִויא שֵׁדִים דַארְפִין טָאן אַבִּים
פַאר אַקִישׁ גֶעמְט מַייגִי וֶוערְטֶער גִימִי וְנִמַאנִיֶע בַּאקְלֶערְט זַיי אִין טְרַאכְט
אוֹיס וָואס צוּטָאן אִיר וֶועט מִיךְ דֶער מַאנֶען צוּ גִיטֶען אֵייבֶּעג וֶועט אִיר
מִיר דַיינֶקֶען פַאר גֶעסְט נִיט אַז דָאס זָאגְט אַייךְ אַגוּטֶער פְרַיינְד אַייֶער
גְרוֹיס גִילֶערִינְטֶער אַלְטֶער אִין גִינִיטֶער מִינִיסְטֶער בְּבוֹר מֶות צוּ מַלְאַךְ
הַמָּוֶת אוּזְקְיָא אַדְרְיָא אַדְרֶע, מִיט דִי וֶוערְטִיר אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן דֶעם
בַּאלֶעמִיר אִין דֶער נַארָאד הָאט זִיךְ אָן גִיהוֹבֶּען שׁוּשְׁקֶען שַׁא,

---

צְוֶועלֶעפְטֶעס קָאפִּיטֶעל.

דִי קְנְיַאהִינִי לִילִית מִיט אִיהְר טָאכְטֶער תַּאֲוָה.

בַּאלְד נָאךְ אִים אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בַּאלֶעמִיר דִיא קְנְיַאהִינֶע לִילִית
זִיא אִיז נָאךְ גַאנְץ יוּנְג אוֹיפִין פָּנִים אִין גִינוּג שׁוֹין גָאהר אִין קוֹל
דֶער קֶענְט מֶען אַז זִיא טְרָאגְט נָאר אַמַאסְקֶע אַלֵיין אִין אִינְטֶען הָאט זִיא
אַפָּנִים פוּן אַיין אַלְטֶער קְלַאפְּטֶע וֶועדְלִיג אִיךְ פַאר שְׁטֵייא הָאט זִי אִינְטֶן
אַזַא פָּנִים וִויא אוּנְזֶערִי אַלְטֶע יוּדֶעשִׁי פְרִימֶע גַאבִּיטֶעס וָואס נֶעמִין צוּנוֹיף
אוֹיף דֶער עֶלְטִיר וֶועלְכֶעס זַייא הָאבִּין אִין דֶער יוּגֶענְט צוּא טֵיילְט אִין
אַלֶע דֶער מַאנִין זַייא מִיט זִיפְּצֶען דִיא יָארִין וֶועלְכִי זַייא הָאבִּין גַאנְץ
פְרֵיילִיךְ פַאר בְּרַאכְט פוּן. אִירֶע רֵייד הָאבּ אִיךְ אַזוֹ פַאר שְׁטַאנִין דֶען
זִיא הָאט בַּאלְד אַקְלַאפּ גִיטָאן אִין טִישׁ אִין אַגְשְׁרֵייא גִיטָאן שְׁטִילֶער אַז
סֶע הָאבִּין גִיצִיטֶערְט דִיא וֶוענְט דֶער נָאךְ הָאט זִיא גִיעֶפִינְט דֶעם פִּיסְק

אִין

אין האט גיזאגט גאספאדא איך האב אויס גיהערט די רייד פון אונזער
קליין מיניסטער מיט קאפ אין פאר שטייא אז ער איז זייער גירעכט אין
וויא איך מיין פאר שטייט איר במיילא דאס וועלכע מוז מען זיך אויס זיכען
עפיס אספאסאב איז מיין מגיעניע מיר זאלין ארויס שיקין מיין טאכטער
תאווה אין איר אן טאן אקלייד פון ראמאן זיא וועט פיינגען מענטשין
ביעז שטשאט אלע וועלין איר נאך לויפין אין דיא גאסען דען תאווה
מיין טאכטער איז גינוג שיין אין שטארק זיא זאל קענין חאפין אונ איר נעץ
אויך דיא גרעסטי העלדין זיא איז גאר אין מיר גיראטין וויא זאגט מען
ניט וייט פון דעם בוימעלע פאלט דאס עפילע אזוי וויא דיא מוטער
אזוי איז דיא טאכטער איך האב אויך פיל מענטשין גיחאפט אבער אלץ
אמאליגע יארין אין דער יוגענד אבער ניט היינט נאר אז תאווה מיין
טאכטער וועט ארויס אויף דער וועלט וועט זיא שפילען אראלע איין
אנטיק דען תאווה איז איר נאמין אין אתאווה איז זי טאקע זי וועט פיינגין
אלי גרויסע גילערינטע פיל גרויסע קענער וועלין פאלין אין איר שווערד
איך קען גאר ניט אויס דער ציילען אלע אירע מעלות דען זי דארף
מען גרינטלעך לערנין קענין אט וועל איך זיא אייך אצונד ארין פירען
וועט זיא אייך אליין זאגין איר גרויסקייט דעמאלט וועט איר פר שטיין
אז זיא איז אגוטער מזיק זיא וועט קענין מזיק זיין מענטשין מע מעג
זיא שיקען אויף דער וועלט זי וועט אונז גיבען דיא וועלט צוא זעהין
מיט די ווערטיר איז זיא ארויס אין האט אגישרייא גיטאן „ תאווה מיין
טאכטער קום אהער ,, אבער מיט אזא העלישין גישרייא אז מע האט
גיקענט דער הערין פאר אמייל אין די תאווה וועלכע איז טאקע גיוועזן
בא אלהע שווארצי יאר האט דער הערט אין איז באלד גיקומען צוא
פליהען זיא איז ארויף אויף דעם באלעמיר אין האט זיך אנידער גישטעלט
וויא אסאלדאט יעדען האט יזיא גיקוקט אין דיא אויגען שיין איז זיא אז
זיא פאר בלענדט די אויגען ווען מען קוקט נאר מיט זיי אליין אבער
ווען מע קוקט מיט קאפ זעהט מען אז איר שונהייט איז פאלש סאיז
הויל בלינדיגעש סע איז ווירקליך גאר שענדליך צו קוקען אויף איר
נאר דעם אמת מעג מען דאך זאגין אפילו אויף איין אייגענעם טאטין בפרט
אויף זיך הא מיר דאכט טא טשטא פראווירע טא ניע גריעך איך האב
זיך דענצט מאל גיקוקט נאר מיט אליגען איז זיא מיר העכסט גיפעלן
גיוועזן מיט גרויס לוסט האב איך גישלינגען אירע רייד וויא אדארשטנגר
מענטש אין דער גרעסטיר זומער היץ ווען ער גיפינט אקאלטין קוואל

וואסיר

וואסיר אין דער גרויסער פוסטינע אבער היינט וויים איך אז איך בין גיוועזן אנאר נאר קיין פאר איבל דארפין מיר ניט האבין דען אמענטשין אן אקאפ איז גיט אזו אויך אין אוך מיט קעפ אפט מאל הערט אומיקענע וועל איך איך נאך דער ציילן ווארט אין ווארט. אז זיא האט מיט אירע פייערינע איינען ארויס גיווארפין אבליק אוף דער גאנצר פובליק. אבליק וואס קריכט אריין אין טיפסטין הארצין אבליק וואס וועלבסט דאס הארץ וואס איז קאלט וויא אייז מוז צו גיין אוף וואסער האט זיא באלד גיעפינט אפיסק אויף שרויפען אין הט גיזאגט די באצובערטע רייד:

שדים מזיקים הערט צו מיינע רייד · דיא איידעלסטע סאבראניע פאר נעמט מיין זאגין מיין מויל האב איך גיעפינט אוף צו ריידין אין ניט אין גיבען וועל איך דאס פאר מאכין · איך האף אז מיינע רייד וועלין טראגין גוטע פרוכט זייא וועלין זיך איין ווארצלען אין דיא הערציר פון דיא ציהערער · איך בין די מאדאם תאוה וואס צוא מיין נאמין גלוסט דיא גאנצע וועלט איך תאוה: באצווינג דיא הערצער פון אלע גרויסע קיניגען איך פיינג דיא גיפילען פון גרויסע פילאזאפען אוך קענער איך תאוה וואוין אין אלע גרויסע הערצער · אין קיניגליכע פאלאצין גיט מען מיר אפ קאמנאטען אונטער מיינע פוס טריט איך פון דעם גרעסטין ביז אין קלענסטען פון דעם רייכסטן קיניג ביז אין ארומסטען פויער פון די גרעסטע פרינצען ביז דיא קלענסטע ביטלער פון דיא שטארקסטע העלדין וואס די וועלט ציטערט פאר זייער נאמין ביז דיא שוואכסטע וועלכע ציטערין פארין גישרייא פון אפליג פון דיא קליגסטע אריסטאקראטין וועלכע ווייסען אלע וויסינשאפט ביז דעם נידעריגסטן קלאס מענטשין וועלכי ווייסין ניט צו זייא זענין מענטשען צו פערד · מיט איין ווארט אלע וועלכע זענין דא אוף דער וועלט זענן אונטער גיווארפין אונטער מיין: וולאסט זייא זענין בייא מיר אייביגע שקלאפין זייא לויפין מיר נאך גיבען מיר קיין רוה ניט זייא קענין זיך מיט מיר ניט אן זעטין אבער איך פיר זייא אין חדר אריין נאך האט איינער פון זייא ניט גיקרוגען מיין האנט צום צייכען פון ליבע נאך האט איינער פון זייא זיך ניט אן גיזעט מיט ארעכטען בליק אויף מיין גיזיכט דען איך ערלויב דאס קיינעם ניט פיל האב איך גישאדירט וויא זיך מיט מענטשין צו באגיין אט דיא שלעכטע לייט זענין זייער פאלש ווען ער וועט דיך ליבען אוויר קליך היסע ליבע מיט טרערין אין דיא אויגען וועט ער דיך שווערין שטייענדיק אוף דיא קניען אז ער קען אן דיר קיין

מינוט

מינוט לעבין זאלסט די אים ניט גלויבין דען פריוו גלייב אים אין לאז זיך אים אן זעטען נאר איין מינוט מיט דיין הייס פראנדשאפט וועסט זעהן אז מארגין וועט ער דיך שון ניט וועלן אן קוקען זייא ליבען נאר דאס וואס זייא קענין ניט קריגין איבער דעם האב איך מיך אפ גהאלטין פון זייא איך פיינג זייא אבער ניט זייא מיך דען נאך האט קיין מענטש ניט גיזאגט איך האב מיך אן גיזעט מיט תאוה נאך איז קיין מענטש גישטארבין אין האט גיזאגט איך האב חאטש האלב תאוה אין די הענט.
איבער דעם ווען איר ווילט מיך שיקען אוף דער וועלט איז זייער גלייך איך וועל צו ציהען צו זיך אלע מענטשן זייא וועלין מיר זיכער נאך לויפען איך וועל זייא אזוי פאר דרייען די קעפ אז זייא וועלין קיין צייט ניט האבין זיך ארום קוקין אוף דער אלטער וואס ליגט בא אונז אין שאול תחתיה איך וועל מאכען זייא זאלין אין דער פרינצעסין נאר פאר געסין ווארום זייא וועלין זיין מיט מיר צו טראגין זייערי הערצער וועלין זיין לעהר די קעפ ליידיג די אויגען פאר בלענדיט זייער שכל צימישט זייא וועלין מער ניט וויסין נאר תאוה אין ווייטער תאוה אין דיא אלטע פרינצעסין תורה וואס איז ביי אונז וועט קיין קאפ ניט אוף הייבין וועט בלייבען בא אונז גיפאנגען אוף אייביג וויא מיינט איר גאספאדא.

דרייצענטעס קאפיטעל

דעם אשמדאים טאכטער קענט איר אוודאי די היינטיגע שיינע מאדאם מארע. וויא תאוה איז ארונטער פון דער בימה איז באלד נאך איר ארויף דער גרויסער פראפעסער אשמדאי אין זאגט צוא זייא מיינע הערין איך האב אלעס גיהערט תאוועס ווערטער אונ פאר שטייא אז איר זענט אלע גינוג צוא פרידען מיט זייא גלייבט מיר אז זיא איז טאקע גירעכט מען מעג זיא שיקען אויף דער וועלט זיא וועט האפען פיל לייט נאר דעם אמת וועל איך איך זאגען אפילו איר אין דיא אויגען זיא האט אגרויסען פעלער דען וויא מיר ווייסען איז תאוה ניט קיין איבעריגע שיינע פארשיין אז מען קוקט זיך גיט צוא זעהט מען אז זיא איז גאר מיעס אן איין ענדרע קען זיך זיין אז זיא זאל אן טרעפען א מענטשען מיט אקאפ אונ ער וועט דער זעהען אז דיא מאדאם איז ערליך אונ איר ציעל איז שענדליך וועט ער איר גיבין

גִיבֶּען הַאלְו אוּנ אַבְּין אוּנ פוּן שְׁטוּבּ אַרוֹיס אוּנ גְרָאד אַזוֹינֶע קֶענֶען זַיין אַיְם נָאר אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל אַיךְ גָאךְ גִיבֶּען אַז אַלֶע וֶועלֶען תַּאֲוַות לִיבֶּען אִיטְלִיכֶער וֶועט מֵיינֶען אַז קֵיין שֶׁענֶערְס אוּנ בֶּעסֶערְס אִיז שׁוֹין נִיטָא יֶעדָאךְ וֶועלֶען מִיר נִיט גְרֵייבֶען אוּנְזֶער צִיעל אַז זֵייא זָאלֶען אָן דֶער אַלְטֶער פַאר גֶעסֶען הֶען אִיר קֶענְט נִיט אָט דִיא שְׁלֶעק מִיט וֶועלְבֶע. מִיר הֵייבֶען זִיךְ דָא אָהן סֶע אִיז נִיט קֵיין שְׁפִּילְבֶער עֶפִּים שְׁפִּילְט אִיר. זִיךְ אָט מִיט דִיא יוּדֶען גֵיין! אָט דִיא יוּדֶען קֶענֶען מִיט אֵיין הַאַרְץ פַאר גֶעמֶען טוֹיזֶענְט לִיבֶּעס עֶר קֶען לִיבֶּען תַּאֲוָה'ן בִּיז אִין עֶק אוּנ נָאךְ פוּפְצֶען אַזוֹינֶע שֶׁעדְלִיכֶע מַזִיקִים אָן אֵיין עֶק אִין. דִיא אַלֶעס בֵּייזֶען וֶועט עֶר נִיט פַאר גֶעסֶען אוּנ דֶער אַלְטֶער וָואס הָאט צוּם עֶרְשְׁטֶען זַיין הַאַרְץ גִיקוֹיפְט אִין דֶער אֵייגֶענֶער מִינוּט וֶוען עֶר זִיצְט מִיט דִיר פַאר גֶעמִין מִיט אַלֶע גֶעפִילֶען נַאר זְשֶׁע זִיךְ נִיט ׳ פְּרִיוו זָאג אִים עֶפִּים אַנְוָארְט אוֹיף זַיין אַלְטִיצְקֶער וֶועט עֶר דִיר אוֹיס רֵייסֶען דִיא אוֹגֶען הַיינְט קִינְדֶערְלִיךְ פַאר שְׁטֵייט אִיר אַז מִיט תַּאֲוָה אַלֵיין קֶען אִיךְ מִיךְ נִיט בַּאגֵיין אוֹיךְ אִיר זָאלְט מִיךְ וֶועלֶען פָאלְגֶען אִיז מַיין עֵצָה מֶען זָאל צוּא אִיר צוּא זֶעצֶען מַיין טָאכְטֶער מָארֶע זִיא אִיז אַשְׁרֶעקְלִיכֶער מַזִיק זֵייא אִין צְוֵייעֶן וֶועלֶען אֶפְשָׁר עֶפִּים אוֹיס פִירֶען דֶען מָארֶע אִיז בַּאזִינְט אוֹיף דִיא זַאכֶען וָואס תַּאֲוָה וֶועט נִיט קֶענֶען אוֹיס פִירֶען וַוייל יֶענֶער הָאט קֵיין תַּאֲוָה נִיט וֶועט מָארֶע דָאס פוֹלֶען וַוייל סֶע אִיז הַיינְט דִיא מָארֶע אַזוֹי מָארֶע מַיין פְרֵיינְט! גֵייא דֶער צֵייל אוּנְז עֶפִּים וַוייז וָואס דִיא קֶענְסְט, נָא הְטָאפַּאי סְקָארִיֶע —

אִיךְ טוּא אַקוּק גֵייט אַרוֹיף אֵימֶעצֶער עֶפִּים וִויא אַשְׁוַוארְץ יָאר אַמַאנְסבִּילְד נִיט קֵיין מַאנְסְבִּילְד אַפְּרוֹיעֶן צוּמֶער נִיט קֵיין פְרוֹיעֶן צִימֶער טָאקֶע וַוייטֶער נָאר אַשְׁוַוארְץ יָאר אִין גַאנְצֶען אִיז דֶער שֵׁד אַזוֹ גְרוֹיס וִויא אֵיין אִינְדֶעק אוּנ הָאט פַאר דְרֵייט אוֹפִּין קָאפּ אַ מַכָּה פוּן הָאר הָאט עֶר אוּנְטֶער דֶעם אַפְּנִים וִויא אַפֵּייגִ׳אוּנְטֶער אַפָּאלֶע טְרָאגְט עֶר אַהִיטֶעל גְרוֹיס וִויא עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן דֶער פוּן הַיינְגט אַרָאפּ סְטֵיינְגֶעס וִויא טֶערְקִישֶׁע שַׁאלֶען לַיינְג וִויא דֶער יוּדֶעשֶׁער גָלוּת עֶר שַׁיינְט וִויא אַפִלוּי אַז זִיא צוּ צִיגִינִיצְט. זִיךְ אוּנְטֶערֶען קָאפִּילִיאשׁ פוּן אֵיין אָרוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אֵיינִיקֶעל מִיט זַיינֶע אוֹגִין הָאט דֶער מַזִיק בַּאטְרַאכְט דֶעם עוֹלָם אוּנ אִיךְ הָאבּ אִים בַּאטְרַאכְט. פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר אוֹיף גְהוֹבֶּען אַקֶעלִיבֶעל וִויא אַגַאנְץ אַלְטֶער מֶערִידְנֶעקֶע, אוּנ זָאגְט שַׁאט שְׁטִילֶער — .

איך

1

אִיךְ בִּין מָאדֶע ,
דִיא גְרוֹסֶע מַאדַאם ·
מַיין נָאמֶען גְרַאדֶע ,
הָאט אִיר גִיהֶערְט מִן הַסְתָּם ·
מָאדֶע הֵייס אִיךְ אַלֵיין ·
מַיין הֶערְץ אִיז גַאֲוָה ·
אוּנ לֶעבּ גִיט אוּנ שֵׁיין ·
מִיט מַיין שְׁוֶועסְטֶער תַּאֲוָה ,

2

אִיךְ מָאדֶע בִּין זֵייעֶר גְרוֹיס ,
אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט ·
וְויא אִיךְ קוּם אָן אַהֵיים ,
בְּלַייבְּט נִיט קַיין גֶעלְט ·
קִנְאָה אוּנ שִׂנְאָה ·
זֶענֶען פוּן מַיין גִיבּוּרְט ,
אֱמֶת וֶאֱמוּנָה ,
מַאךְ אִיךְ פַאר אִירְט

3

אִיךְ מָאדֶע הָאבּ אַוֶועךְט ,
מֶער פוּן אַלֶע שֵׁדִים אוּנ מַזִיקִים ·
אִיךְ טוּיט מֶענְטְשִׁין אָן אַשְׁוֶוערְד ·
וֶוען אִיר זֶועט זִיךְ נָאר צוּ קוּקֶען ·
אָן סְפֶּעקְטָאקְל וְויא אַיין פֶּעלְד ·
קָאסֶע אִיךְ זֵייא וְויא הֵייא ·
אִיךְ נֶעם צוּא זֵייעֶר גֶעלְט ,
נָאךְ מִיר לוֹפִין זֵייא ,

4

אָרוּם אוּנ רַייךְ ,
אַקַאצִין אַגְבִיר ·
אַלֶע גָאר גְלַייךְ ,
לוֹפִן נָאךְ מִיר ,
אִיךְ צִיא זֵייא צוּ זִיךְ ,
וְויא מַאגְנִיט צִיט אַייזֶען ·
וֶועלְכֶער שֵׁד וֶועלְכֶער רִיךְ ,
קֶען אַזוֹינֶע קִינְצֶען בַּאוַוייזֶען ·

5

קִים אִיךְ נָאר אִין אַהוֹיז ,
נֶעם אִיךְ פְלַאן אוֹיבִּין אָן ·
אוּנ טְרַייבּ אַרוֹיס ,
דִיא וָוס אִיז אִין שְׁמַאטֶעס אָן גְטָאן ,
וֵוייסְט אִיר וֶועמִין אִיךְ מֵיין ?
דִיא גְרוּמֶע פְּרִינְצֶעסִין תּוֹרָה ·
אִיךְ גִיוֶועלְטֶעג אַלֵיין ·
אוּנ זִיא הָאט פַאר מִיר מוֹרָא ·

6

אִין אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער ,
לֶעבּ אִיךְ גָאר גְרוֹיס ·
מִיט מַיינֶע וֶוערְטֶער ,
וָואס אִיךְ גִיבּ אַרוֹיס ,
דָארְט לֶערִינְט דִיא פְּרִינְצֶעסִין ,
בַּייא מִיר אִין הֶדֶר ,
אוּנ מוּז פַאר גֶעסֶען ,
אִיר כָּבוֹד כְּסֵדֶר ,

7

אִיךְ דֶער טַאפּ אַנַאר ,
אוּנ רֵייד אִים אָן ·
מִיךְ מַאכֶען פַאר אַהַאר ·
אוּנ מִיר דִיא קְרוֹין אוֹיס טָאן ,
גְוַואלְד ! שְׁרַייט זִיא וְויא אִיז דַיין
דֶרֶךְ אֶרֶץ ·
שְׁטַייטְשׁ צוּ מֶעג מֶען דֶען אַזוֹי ·
שַׁא ! עֶנְטְפֶערְט עֶר אַקְלֵיינֶעם תֵּירוּץ
סֶע אִיז אָבֶּער הַיינְט דִי מָאדֶע אַזוֹי ·

8

אִיךְ מַאךְ פוּן זֵייא אַ תֵּל ,

אִיךְ לֵייג זֵייא אִין דֶער עֶרְד ,
אִיךְ שִׁינְד זֵייא דִיא פֶּעל .
אָן מֶעסֶער אָן שְׁוֶוערְד ,
גְלַייךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה ,
פִּיר אִיךְ זֵייא .
זֵייא מַאכֶען קֵיין מְנִיעָ ,
דֶען דִיא מָאדֶע אִיז אַזוֹי .

9

אַיוּד אַ אָרוּמַאן ,
קֶען נָאךְ דֶער מָאדֶע נִיט טַאנְצֶען .
סֶע אִיז דָאךְ אָבֶער פַּאהַאן ,
מֶען מוּז פַאר דֶער וֶועלְט גְלַאנְצֶען .
וֶוערְט עֶר אַגַנָב אוֹיךְ גִיט ,
מֶענְטְשֶׁען מִיט פְּרִיצֶענְט רַאבִּיֶוועט
עֶר זֵייא .
שְׁטֵייטְשׁ מֶען טָאר דָאךְ נִיט ,
עֶס אִיז אָבֶער דִיא מָאדֶע אַזוֹי .

10

הַבְּלַל אִיךְ בִּין פִּיל דִיא וֶועלְט ,
אָרוּם אוּנ רֵייךְ קְלֵיין אוּנ גְרוֹיס .
אִיךְ שְׁטֶער זֵייעֶר רוּא אוּנ נֶעם
זֵייעֶר גֶעלְט .
אוּנ טְרַייבּ דִי פְּרִינְצֶעסִין תּוֹרָה אַרוֹס ,
ווִיא אִיךְ טְרֶעט מִיט אַפִּיס אַרַיין .
הַאפְּט זִיא אַפִּיטִילִיצְנִיק אִין מִיר .
זִיא קֶען מִיט מִיר אִין אֵיינֶם נִיט זַיין ,
אִיךְ מוּז הֶערְשֶׁען אוֹיף אִיר .

אִין אֶמֶת אִיךְ מָאדֶע קֶער אִיבֶּער וֶועלְטֶען מִיט דֶעם אֵייגֶעם וָוארְט סֶע אִיז הַיינְט דִיא מָאדֶע אַזוֹי . מִיט דֶעם וָוארְט צוּ שְׁלָאג אִיךְ דִיא קְרֶעפִּיסְטִין פוּן דֶער פְּרִינְצֶעסִין תּוֹרָה , אִיךְ צוּ וֶעץ אִיר פְּלָאט אֱמוּנָה אִין מִיטֶען מֶער פוּן דֶער וֶועלְט , אִיךְ בְּרֶען מֶענְטְשֶׁען אוֹיף קוֹלֶען אִיךְ מַאךְ פוּן זֵייא אַשׁ אוּנ זֵייא לוֹפֶען אִין פַייאֶר אַרַיין וָוארוּם דִיא מָאדֶע אִיז הַיינְט אַזוֹי אַלְדֶעס בֵּייז טוּט מֶען צוּא לִיבּ דֶער מָאדֶע גַנְבִינֶען גַזְלִינֶען אִיז אַ הֵיתֶּר וַוייל דִיא מָאדֶע אִיז אַזוֹי . אַ יוּנְגֶעל אַ שְׁצֶנְיָאקֶעל ווֶעלְכֶער קֶען נָאךְ קֵיין עִבְרִי נִיט אוּנ וִויל וֶוערֶען אַמַשְׂכִּיל דֶער פַאר וָואס דִיא הֶעמְד אִיז גִיפְּרֶעסְט לֵייבְּנְטֶער אַלְדִינְג לַאבְט אוֹיס זַיין אֵייגִינֶע פָאטֶער אוּנ מוּטֶער , שְׁטֵייטְשׁ וָואס פַאר אַפָּנִים הָאט דָאס ווִיא שֶׁעמְסְט זִיךְ נִיט פַאר לַייטֶען סֶע אִיז אָבֶער הַיינְט אַזַא מָאדֶע , אִיר וֶועט זֶעהֶען דִיא פְרוּמֶע יוּדֶען טוּאֶן אַלְץ וָואס מֶע טָאר נִיט וָוארוּם הַיינְט אִיז דִיא מָאדֶע אַזוֹי סְלָאוָואס מִיט מַיין לֶעזוּנְג" דִיא מָאדֶע אִיז אַזוֹ וֶיעט פַאר גֶעסֶען וֶוערֶען דֶער נָאמֶען פוּן דֶער אַלְטֶער זִיא וֶועט פַאר בְּלַייבֶּען אוֹיף אֵייבֶּעג בַּייא אוּנְז אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה מִיר וֶועלֶען גִיוָועלְטִיגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיר וֶועלֶען מַאכֶען פוּן דֶער וֶועלְט אַ שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה מִיר שֵׁדִים אִיךְ מָאדֶע מַיין שְׁוֶועסְטֶער תַּאֲוָה מִיר וֶועלֶען טָאן אוּנ זֵייא וֶועלֶען גְלֵייבֶּען , ווִיא זָאגְט אִיר הַא ! אַלֶע הָאבִּין גִיקְלַאפְּט בְּרַאוָוא מִיט אַזַא פְרֵייד גְלַייךְ זֵייא הָאבִּין שׁוֹן אֵיין

גינומען דיא גאנצע וועלט נאר דער שטן איז ארויף און האט אקלא[...] גיטאן סע זאל זיין שטילער אלע זענין שטיל גיבליבען אין דער שרעקליכע[...] שטן וואס איז שוין נעביך גראוו אין אלט פון צרות דען עפים גיווערטילט[...] שטייט ער אויס פון אונז יודעליך בני רחמנים מאלט אייך אגאנ[...] קיילעכדיק יאהר קלייבט ער אונזערע זינד ער ווייסט זייא וויא פעריג[...] ווער שמיסט ראש השנה צוא תשליך ווען אלע יודען טרייסלען זיך אפ[...] דיא פאלעס אין ווארפין ארוים גינוג זינד אין ער האריוועט אין קלויבט[...] צוא נויף וויא עפים רעכטס אין נאך סאמע אזא גילדענע צייט איום הדין[...] ווען ער קען באווייזין זיין בינדיל סחורה צוא דילט מען אים מיט דעם[...] שופר אז ער ווייסט נעביך ניט וויא ער איז אין דער וועלט איז שוין עפי[...] אתידוש אז ער האט פיינט איזועין גיט דער שטן דער שונא ישראל הא[...] גיעפינט זיין פנים אין זאגט נאך האב מיך גירעשט צוא מאכין את[...] פון דער אלטער תורה מיט אירע ליאבאוניקעס דיא שלעכטע יודע[...] אין צונד וויא איך האב גיהערט דיא רעפארמע פון דיא צוייא שדים[...] תאוה אין מאדע איז דאס מיר הערמט גיפעלין אין איך רעכין אז צוא די[...] צוייא זאלין מיר צוא זעצין מאדעס קינד כפירה צוא וועט צוא זיין צוא[...] גרוים נוץ מאדע וועט גינוג פון פארינט תאוה פון הינטען אין כפירה זעע[...] זיך באהאלטין אין מיטען זייא אין דרייען וועלין מאכין אין אקירצער צייט[...] אתל פון אלעס וואס מיר ווילען זייא וועלין אויס ראמען גיך דיא פרינצעס[...] מיט אירע אונטער טענער אירע טעגליכע פאקלאניקעס כפירה מיין קינ[...] גיי נוייז זיך פאר דעם גיהערטין פאבליקעס האט ניט פיל גיווערט אי[...] זעה כפירה איז שוין אויף דער בימה איך בין גיבליבען שטיין וויא שו[...] פרילישעט איר זאלט זיך פר גינין זעתין אפענעמיל אבלעכס איין אזי[...] גיווייקטס נאטורליך וויא אחסידעל נאך שמחת בית השואבה פר צייטע[...] אדער חנוכה נאך דיא קארטען היינטיגע יאהרין · מיט אקילעכדיג היטי[...] מיט אליינגע קאפאטע מיט שיך און זעקליך האט זאיר זיך גיקענט אויס[...] מאלען אזא מין כפירה סע איז מיר גיוועון אווילד הידוש נאר איך האב[...] באלד פר ענטפירט סע קער זיין היינט אזא מאדע, איך זאגט כפירה[...] איך לייקען און אלדינג איך פר וויסט אלע הערצער איך אוך לער אלע[...] קעפ איך לירען אלע מענטשין זאלען ניט גלויבען און קיין זאך איך[...] קער איבער דאס גלייבען צו תוהו ובוהו איך וועל פאר וויסטען די וועלט[...] מיין גרויסקייט דארף איך אייך גאר ניט דער ציילען איר ווייסט אליי[...] וואס נעגעליזמאר באטייט איך וועל שוין זיכער מאכען פאר געסין דעם[...] נאמען פון דער אלטער , איך כפירה , סע גיווארען אגישרייא מיט

אגעפילדר

אַגֶעפִילְדֶער אַלֶע הָאבֶּען גִישְׁרִיגֶען סֶע זָאל לֶעבִּין אוּנְזֶערִי נֵייֶע מַזִיקִים
תַּאֲוָה מָאדֶע כְּפִירָה דֶער נָאךְ הָאט מֶען גִיבִּיטֶען דֶעם גַאנְצֶען עוֹלָם צוּם
אַשְׁמְדַאי מֶע זָאל פוּן דָארְט בַּאלֵייטֶען דִיא חֶבְרָה .

פֶּערְצֶעטֶענס קַאפִּיטֶעל

צֵדָה לַדֶּרֶךְ .

אִין פִינְף מִינוּט אַרוּם אִיךְ טוּא אַקוּק דִיא חֶבְרָה שְׁטֵייט שׁוֹין גִיקְלֵייט אוּנ וִויג אַרַיין מִיט דִי רֵייזֶע זֶעקְלִיךְ אוּיף דֶער זַייט אוּנ גִיזֶעגֶענְגִין זִיךְ מִיט אַלֶע כְּפִירָה הָאט זִיךְ גִיזֶעגִינְט מִיט דֶעם אַשְׁמְדַאי אוּנ זָאגְט גְרוֹסֶער הֶער פְּרֶעפֶּעסֶער פַאר גֶעסְט נָאר נִיט אַרוּיס שִׁיקֶען בִּישׁוּף מַאכִירְס זַייא זָאלֶען אוּנְז דֶער וַוייל הֶעלְפֶען תַּאפֶּען מֶענְטְשִׁין אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג צוּא שִׁיקְט עֶנְטְפֶערְט עֶר קוּמְט וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזֶען עֶר הָאט אוּיף גִיעֶפִינְט אַיין גְרוֹיסֶע קַאמֶער מִיר טוּעֶן אַקוּק שְׁטַיין וֶוערְקְסְטַאטִין אוּנ מֶענְטְשִׁין אַרְבִּיטֶען אַלֶערְלֵייא צִיגֶעל אוּנ אוּיף יֶעדֶער שְׁטִיק אִיז גִיקְלַאפְּט . אַנֵייֶע מָאדֶע , אַנְדֶערֶע שֶׁערִין הָאר פוּן לַייזִיקֶע פוּן פַאר פַאסְקִידֶעטֶע אַסְטְרָאגְנִיקֶעס אוּנ פוּצֶען דָאס אוּיס מַאכֶען שְׁלֵייֶערְס פְּלֶעכְטִין פוּן דֶעם צֶעפְּלִיךְ דְרֵייֶען אָן מַכּוֹת אוּנ שְׁלֵייֶערֶען אִין דֶעם אָן אַלֶע מֵידְלִיךְ אוּנ יוּנְגֶע וַוייבְּלִיךְ וֶוערִין זֵייא דִיא אָגֶענְטִין פוּן מָאדֶע נָאר אַזוֹי וִוי אַמָאל זֶענִין אַלֶע וַוייבֶּער גִיוֶועזֶען כִּישׁוּף מַאכֶערְס אוּנ הַיינְט גְרָאד בַּייא דִיא וַוייבֶּער נִיטָא קַיין כֶּסֶף אֲפִילוּ אַיין גְרָאשִׁין מוּזֶען דִיא וַוייבֶּער אָן קוּמֶען צוּא דִיא מַאנְזְבִּילְדֶען נָאךְ כֶּסֶף עֶרְוֶועקְט דִיא וַוייבֶּערְשֶׁע מָאדֶע דִיא מַאנְזְבִּילְשֶׁע תַּאֲוָה וֶוערְט אִין אֵיינֶעם אַגַאנְצֶע תַּאֲוָה הָאט שׁוֹין תַּאֲוָה אוּנ מָאדֶע גִיטֶע אַגֶענְטֶען אוּנ דִיא כְּפִירָה זֶעהְסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט אִין וִוינְקֶעל מִיר זֶעהִין דָארְט זִיצֶען יוּנְגֶע צַאצִיקְלִיךְ אוּנ לַאכֶען יוּנְגְלַאךְ סְמַארְקַאטֶע זֵייא וַוייסֶען נִיט בֵּין יְמִינָם לִשְׂמֹאלָם דֶער זָאגְט תַּלְמוּד אִיז נִיט וֶוערְט אַגְרָאשִׁין דֶען אַזוֹי הָאט עֶר בְּקַבָּלָה פוּן קְלִיגֶערֶע פוּן אִים דֶער לַאכְט אוּיס אַלֶע חַכְמֵי הַתַּלְמוּד זֵייא זֶענֶען קִיגֶען אִים כִּקְלִיפַּת הַשּׁוּם דֶען עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער קֵיין מָאל נִיט גִיהַאלְטֶען אִין מוֹיל . דֶער שְׁרַייט דִיא יוּדֶעשֶׁע שְׁפְּרַאךְ אִיז מוּאָס עֶר קֶען זִיא נִיט סוֹבֵל זַיין וָוארוּם וָואס קֶער זִיךְ אָן הֶעבְּרֵייאִשׁ מִיט אַ מִינִיסְקֶע . אָט דוּרְךְ

דִיא.

דיא אגענטען וועלען מיר זיך איין נעמען דיא וועלט עס וועט ניט
בלייבען איין לעבידיקער וועלכער זאל גידיינקען דעם נאמען פון דער
פרינצעסין זיא איז שוין ביא אונז אין דיא הענט אונ וועט בלייבען
ביא אונז אוי׳ אייביג מיר וועלען האבען גינוג איך נאריע מיך אז מיר
וועלען שוין זיצען שטענדיג ביא רואט מיר וועלען קיין הינגער מער
ליידען קיין אייגעסטען ניט וויסען קיין מאנגעל ניט האבען קיין צרות
ניט פילין, דא גאספאדא ! וויא ווייט עס זאל לעבען אונזער קלוגער
גירומטער פרעפעסער אשמדאי ! האט אקלונג גיטאן מיט אמאל י טויזנט
טייוולשע גישרייען י רעביאטע עוו קראג ! האט א קאמאנדיווע גיטאן
דער מיניסטער בכור מות . אונ שוין מיט דער מינוט האבען זיך אלע
גישטעלט וויא אהאלב קיליבעקע ראד אונ ער איז גיבליבען שטיין
אין מיטען י הערט אויס קינדער זאגט ער צו זייא מיר שיקען ארויס
גוטע דרייא בלוט צאפערס נאר זייא זענען דאך נאך פריצען זיי וועלען
ניט וויסען וויא זיך באגיין אין דער וועלט דארף מען זייא אויס לערנין
זייא גיבען גוטע נאסטאוולינקיס ווארום זייא קענען זיך אריין האפען
אונ אנא הויז אז מען זאל זייא גיבען האלו אונ אקען פינעם שטוב אז
זייא זאלען ניט טרעפען צוא דער טיר, גירעכט ! האט איינער גיטאן דאס
קול פון דיא טייוולין אזוי וויא פון אבאראבאן ארויס ! תאוה מארע
כפירה י גייט ארויס פון פרונט האט אקאמאנדעווע גיטאן דר מיניסטער
דיא דרייא לייטליך זענען ארויס אין האבען זיך אים גישטעלט אקיגען י
דיא תאוה זאגט ער מעגסט גיין וויא אהין דיא ווילסט פאר דיר זעגען
אפין אלע טירען מעגסט קומען צוא אקינוג י אונ דער צייט וואס ער זיצט
אויף זיין שטיל צו ריכטען זיין פאלג אדער ווען ער איז צו טראגען ווייל
דער פיינט שטייט ניט ווייט פון זיין גרינעץ, מעגסט דיא גאנץ פריא
אריין קומען צוא אים אונ אים איין ראמען אסור אין אויער איך מאראם
תאוה קום צו דיר י וועט ער קלאר אוועק ווארפען אלע גישעפטען אונ
וועט זיך פאר נעמען מיט דיר, הערסט גלייכען ווען דיא וועסט
פאר ביא גיין לעבען איין הויז אונ דוא וועסט זעהען דארטען א יידען
מיט לאנגע פיאות מיט אוואלעם טלית קטן איבער דיא קניעס י אונ
קראצט זיך אונ אפינעם הארץ וויא עס גיהער צוא זיין אונ אזוי גאנץ
פאר טיפט איבער אבלאט גמרא אונ וויא דאכט זיך אונטערעסירט אים
היבש דיא מלחמה פון דיא בית שמאי מיט דיא בית הלל בנו אין עק
זאלסטו זיך ניט דער שרעקין פאר אים מעגסטו סמיעלע גיין צו אים
דען סיסרא איז גיוועזן אגרויסער בעל מלחמה האט אים אנקבה גיטויט
אבימלך

אֲבִימֶלֶךְ–עָן הָאט אַװײבִּיל צוּ זֶעצְט דֶעם קָאפּ מִיט אַמִיל שְׁטֵיין שְׁבְּיטָן הַגִּבּוֹר אִיז אִיבֶּער גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארֶען צוּא אַפְּרוּוֶען צִימֶער אוּנ דִיא הֶענְט אוּנ נָאךְ טװיֶענְטֶער אַזוינֶע הֶעלְדִין װֶעלְכֶע װַײבְּלֶעךְ הָאבִּין זֵייא דִיא קֶעפּ צוּא זֶעצְט בִּפְרַט אַזַא בַּעַל מִלְחָמָה וִויא אוּנְזֶערֶער מִיטֶן צוּ הְרַאפְּסְטִיטֶען הַארְץ קֶען אִים זִיכֶער אַפְּרוּוֶען צִימֶער צוּא זֶעצִין דֶעם קָאפּ וָוארוּם מִיר הָאבֶּען דָאךְ טַאקֶע גִיזֶעהִין פִּיל פֵיינֶע חֲסִידִים וָואס זִיצֶען אוּנ לֶערְנִין אִינ גְרָאר אוּנ מִיטֶען טִיפְּסְטִין מַהַרְשָׁ״א צוּא שְׁלָאגְט אִים אַנְקֵבָה דִיא גִידַאנְקֶען וֶוען אַגְרוֹסֶער פַּאר דְרֵייקֶעטֶער חָסִידֶעל מִיט טֶערְקִישֶׁען הִתְלַהֲבוּת שְׁרַייעֶט מִיט מְשׁוּנֶה קוֹלוֹת בַּיים דַאווִינֶען אַז סֶע אִיז אַזְשׁ מִיָּעם צוּ הֶערִין אִינ עֶס נָארֶעט אויף אִים צוּא קוּקֶען, אוּנ פַּאר רַייסְט דֶעם קָאפּ אַרוֹיף וִויא אַפַּאלְדַאטְסְקֶע פֶערְדֶעל אַז עֶר דֶער הֶערְט דֶעם בָּאִי פוּן דֶעם בַּארַאבַּאן אוּנ דֶעמָאלְט פַּאלְט אִים אַרָאפּ פוּן דֶער שְׁטֶעלִי גְלֵייךְ אִין קָאפּ אַרַיין אַשׁוינֶע פְּרוּוֶען צוּמֶער אוּנ צוּא שְׁלָאגְט דִיא גִידַיינְקֶען אִיבֶּער דֶעם דַארְפְסְטוּ דִיא תַּאֲוָה קַיין פָארְכְט נִיט הָאבֶּען פַּאר קַיינֶעם גֵייא דַיין וֶועג אוּנ בַּאגְלִיק, דִיא מָאדֶע זָאלְסְט זִיךְ רַייבֶּען צוּם מֶערְכְטִין נָאר לֶעבֶּען פְרוּוֶען צִימֶער זִיא אִיז גְרִינְג אַרוֹיף צוּ פִירֶען אויף אַלְדִינְג זָאלְסְט זֵייא גִיבֶּען אַלֶע מָאל אַנַייֶע מָאדֶע אַנַייעֶם זְשִׁירְנַאל וִויא אַזוי זֵייא זָאלֶען זַיין צוּא טְרָאגֶען גַאנְצֶע טֶעג מִיט דֶער מָאדֶע זֵייא זָאלֶען קַיין צַייט נִיט הָאבֶּען אַכְטוּנְג גִיבֶּען אויף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דֶעסְט גְלַייכֶען דִיא מַאנְס לַייט װֶעלֶען דַארְפֶּען הָארִיוֶוען פַּאר שְׁוַוארְצְט וֶוערִין אַרוּם פָּארֶען אוֹיף דֶער װֶעלְט קְלַייבֶּען גֶעלְט פוּן וָואס זֵייא זָאלֶען גִיבֶּען דִיא ווַייבֶּער אַלֶע מָאדֶעס אוּנ דִיא קִינְדֶער װֶעלֶען וַואקְסֶען אָן אַכְט פוּן פָאטֶער אוּנ מוּטֶער אוּנ װֶעלֶען לֶערְנֶען נָאר דָאס וָואס דִיא מָאדֶע אִיז װֶעלֶען מִיר זֵייא שׁוֹין צוּ זֶעצֶען כְּפִירֶען פַאר אַלֶעהרֶער װֶעט עֶר זֵייא אוֹיס לֶערְנֶען זַיין נֶעהלִיסְטֶען זֵייא װֶעלֶען זצוּ זנויף פִירֶען תַּאֲוָה מִיט מָאדֶע אִיז אֵיינֶם װֶעט אוּנז אַרוֹיס אַמַתָּנָה מָאדִיסְטִין בַּעֲלֵי תַּאֲוָה׳נִיקֶעס אִין דִיא כְּפִירָה דַארְף שׁוֹן גָאר הָאבִּין אַגֶדֶערֶע גֵייְנג אִין זִיךְ דִיא קֶענְסְט נִיט אַרַיין קוּמֶען עֶרְגִיץ אָן אַדָאלְזְשְׁנֶע דִיא דַארְפְסְט פְּרִיעֶר דָאלָאזְשֶׁען דֶעם דֶעזְשׁוּרְנֶע בצוּ קֶען מֶען אַרַיין טְרֶעטִין צוּ דֶעם מֶענְטְשֶׁן אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ קֶען גְרָאד הֵייסִין דֶעם דֶעזְשׁוּרְנֶע זַיין שֵׂכֶל עֶר זָאל דִיךְ מִיט הוּנְט אַרוּנְטֶער זֶעצִין פוּן דִי טְרֶעפּ צפוּן זַיין קָאפּ. דִי מֶעגְסְט זֶעהִין אַמֶענְטְשִׁין קוּרְץ גִיקְלֵיידֶעט וָואס רֶעט פַּאר שִׁידֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אִין וִויא עָר גֵייט דוּרְךְ אִין גַאס טַייט מֶען אוֹיף אִים מִיט דִיא פִינְגֶער מֶע אַגְט אָט גֵייט אַיין אַפִּיקוֹרֶס זָאלְסְט נִיט שְׁטֶעלִין אוֹיף דִיא רֵייד לוֹיף

נִיט

גיט גלייך צוא אים דען גראד אט דער וועט דיך דער טרינקען אין זיין
שפייען די קלעקסט אים אוף איין צאהן דמיט איין ווארט מאכט ער
פון דיר אתל אין פרעג ניט שמייטש וואס זשע זאגט מען אוף אים דען
אלע מענטשן זענין גאר דאס רוב נארין ביי זייא איז גלייך טראגין
אטיביל אים שבת אין גיין צו איין אשת איש לערנין עפים שפראך
אין קליידען זיך יעווראפייעש איז ביי זייא אלץ איינס מיט אכופר
בעיקר דארפסטו אוף זייא גיט שטעלין ווידר הער פאל ניט אראפ
בא זיך טאמער דער זעסטו איינם מיט אשטריימעל מיט שיך אין זאקן
אהלו באהאנגין מיט שמירות פון אלע גוטע יודען שרעק זיך ניט שטארק
דען גראד ער איז שוין פילייכט תאוועס איין אנענט פון עטליכע יאהר
אין מיט איין ווארט געמסטו אים צו זיך קומסטו אפט מאל צום נאר
איין אבער גלויבער מאך אים נאך מער אבער גלויביש וועט ער אליין
פאלין פריער וועט ער גלובין אלעס דער נאך וועט ער קיין זאך ניט
גלויבן אצונד גייט פריינקען פרייא האט אגליקליכע וועג מאכט איין
אויספייעך גיך אין גייט תאוה מארע כפירה גייט גיזונד אורא האבען
אגישרייא גיטאן אלע טאוולען מיט זייערי העלישע קולות או דער
שאול תחתיה האט זיך שיר איבער גיקערט מיטין מויל ארוף אורא .
לאזין לעבין אונזערע שרעקליכע שדים תאוה מארע כפירה אורא לאז
זיך גרוסין אונזערי קיניגרייך אונזערי גיוועלטיקייט זאל ניט נעמין קיין
ענדע גייט גיזינד איר שרעקליכע מענטשין פרעסיר איז די דרייא שדים
האבין פאר ריסין די פיס אוף די פלייצים אין מיט דעם צדה לדרך
זענין זייא גיוועזן אין דער לופט הוך ביז אינטערין הימעל דיא גאנצע
פובליק האט זייא באלייט מיטין קוק ביז זייא זענין פאר פאלין גיווארען
פון דעם אליין דיא שדים זענין זיך צוגאנגען מיט פריילכע הערצער
אוף זייערי קוואטירין אין דא אין שאול תחתיה וואס איז ערשט גיוועזן
אפ גיליינט איז גיבליבען פוסט אין שטול סע איז אוף מיר אזא פחד
גיפאלין אז איך האב ניט גיקענט איין שטיין אוף די פיס איך בין גיוועזן
פאר זינקין אין איין אפ גרונד פון טונעטער גידאנקין ארות וויא דיא
וואלגעס פון דעם גרויסען מער אין אשטארקען שטורם אזוי האבין זיך
אין מיר גיווארפען די מחשבות איך האב נאר גיטראכט וואס טוט זיך
דא פון גרויס מידיקייט בין איך גיפאלען מיט גרויס אומעט אוף דר ערד
אין בין גישמאק אנשלאפין גיווארין פאר צרות וועיר השדים
צהלה ושמחה .

פופצעהנטעס קאפיטעל

וואבינדיג באם רוה. אָבער אחכם אין גן עדן

וויא איך בין נאר אנשלאפין געווארין חלומט זיך מיר אז איך גייא ארום אין אגרויסען גארטען צווישען גידיכטע בוימער וועלכי איך האב אויף מיין לעבין ניט גיזעהין אויף דער ערד וואקסין רוזן שמעקעדיגי מיט זייער ריח האב איך מיך דער קוויקט סע איז נאר וויא פון גן עדן אונטער היא בוימער זיצען מענטשין אזעלכע שיינע אזוינע לויטערע אז זייערי ליכטיגע גיזיכטער זענין זיס אונ פארכטצימליך איך האב מיך גישראקין זיך ציקוקען אין זייערע גיזיכטער איך האב זיך צו גיזעצט אונטער אבוים אין זיך אונ טראכט וואס איז דאס פאר אין ארט דער וועיל העער איך וויא איינער זאגט לעווין זאהן קומט אהער דער נאמען לעווין זאהן האט מיך גימאכט נייא גערינג צו וויסען ווער זענין דיא לייט וואס זיצין דא אין וואס איז דאס פאר אוועלט דען פיל מאל האב איך גיהערט אז לעווין זאהן איז איינער פון דיא גרעסטע אפיקורסים איך קער זיך אום אין גיב אבליק אט דער לעווין זאהן איזד פשוט אין זיין צורה ניט אריין צוקוקן איז צו גיגאנגען צום רעדיל האט זיך אנידער גיזעצט האט איטליכען דער לאנגט די האנט אין האט זיי גיגרוסט גאר פריינדליך איינעם האט ער נאך אלייניגען קאמפלימענט גיזאגט וואס מאכט דער העער מענדעלס זאהן איך בין נבהל ומשתומם גיווארין וואס איז דאס עפיס אט דאס איז דער מענדילס זאהן וואס אלע חסידים האבין אים אזוי פיינט אז זייא דער מאנין ניט זיין נאמן ביז זייא זאגין ניט ימח שמו. אט דאס איז דער וואס אלע גוטע יודען זאגין אז ער האט גימאכט אומגליקליך די וועלט מיט זיין בילדינג וואסזשע שטיי איך דא דארט וויא לעווין זאהן אין מענדילסאהן זענין טאר איך ניט זיין דאס איך אנטלופין פון דאנין איך שטייא אויף אין לאז מיך גיין העער איך וויא איינער זאגט העער מאזעס מיימין וואס טראכט איר דא בין איך גאר פרילישעט גיווארין איך בין גיבליבען שטיין וויא פאר שטיינערט איך האב זיך ניט גיקענט רירען פון דעם ארט גלייך מע וואלט מיך צוא גיקאוויט מיט אייזערנע צוועקים דען הגם איך האב דאך גיהערט פון דיא חסידים אויף דעם מיימן אויך ניט זייער גוט נאר פון דעסט וועגין פלעגט מען ווס עפיס זאגין דער רמב״ם זאגט אזו דער רמב״ם שרייבט

איז צים סוף מיט וועסין ויצט ער דא גלייך מיט וועסין מיט אזעלכי וואס
אלע גוטע יודען פאר שעלטין זייער זכר אבער ווער קען שון אוס מאלן
מיין פאר ווינדירינג זאז איך האב צוא לעצט דער הערט וויא איינער
זאגט פריד אוף דיר דיא האר פון אלע פראפעסין באגלויבטער קענעכט
פון גאט, נא נא, זאגט אליין וויא אזוי קען ווערין אפין הארצין אין
דער צייט אפנים אז יענין איז משה רבינו אין דעם רעדעל זיצין דרייא
משה׳ליך אנוייטיג איז מיר אגרויסער אז דאך טאקע דאס דער גן עדן
אין אפיקורסים זיצין אויך דא אין מיט וועסין מיט משה רבינו ויי האבן
צווישן זיך גירעט נאר איך האב ניט גיהערט איין ווארט ווארום איך
בין גיוועזן צו טראגין מיך האט אינטרעסירט אקליינער וואפראס אז
דאס איז דער גן עדן אין אפיקורסים זיצען אויך אין גן עדן וויזשע איז
דאס ערט אין וועלכן מע באזעצט אונזערע גיטע יודען זעהין האב איך
גיזעהין אז אלע מאל אוף מיר אין לייבין עפים אזוי וויא עס טוט זיי הנאה
וואס איך בין אזוי ראסטראוואגעט איך פראכט איך עק מיך איך הייב
מיך אן ארום קוקען מיין אין אלע זייטען טאמער וועל איך דער זעהין
עפים אבאקענטין איך ווען אין איי־ויצט אמ ענטש אין דיא מעסיגע
יארין אזא שיינער אז איך האב זיך ואט ניט גיקענט אן קוקין אין אים
ער האט דאס באמערקט אין זאגט וואס קוקסטו אוף מיר האסט מיך גאר
ניט ערקענט מיך הערינדיג זיינע זיסע ווערטער וועלכע האבין גיקלונגען
מיט אזא זיסע שטומע טאקע נאר וויא אהימלישע איינגעל האר בין איך
דער צייטערט גיווארין דען איך האב דער קענט אז סע איז טאקע מיינער
אהיימישער נא דא איז מיר אביסיל פרייליכער גיווארין אופין הארצין
איך האב זיך צו גירוקט צו אים נעהנטער אין זאג איך בית אייך מיין
פריינד זאגט מיר וואס איז דא פאר איין ארט אין ווער זענין דיא לייט
דא איז דער גן עדן זאגט ער מיר אין אט יאס ויצט משה רבינו ארום
אים אלע חכמים ואמוראים אלע גרויסע גאונים אין געטליכע פילאזאפען
אן זיצט אהייליגער פילאזאף דער גרויסער אדלער דער רמב״ם לעבין
אים זיצט אויך אגרויסער יודעשער געטליכער פילאזאף מענדילסאהן :
מיילע וואס זאהל איך אייך דער צייהלין ליבע לעזער דיא גרויסע לייט
וואס איך האב גיזעהין אין דעם רעדיל איז אום מעגליך אוס צו רעכינען
איך האב גיזעהין אלע וועלכע איר האט גיהערט אין וועלכע איר האט
זייערע נעמין ניט גיהערט אפילע פראוודע טאקע נאר אין חלום. איך
בין אזוי פיל פרייליך גיווארין איך האב זיך אזוי פיל מחיה גיוועזן אז איך
קען נאה אצונד דעם פאר גינינגען ניט פאר געסין איך האב מיך מיישב
גיוועזן

גיוועזען אז איך בין שוין דא ראס איך מיך ני פרעגען מכח מיין געשעפט
דא זיצען זיך יאה גרויסע קעפ גילדענע טאמער וויל איך קריגען ערגיץ
אקאפ פון מיינעט וועגען איך בין ניט פויל אויף דער פען אין הייד אן
ווייגען אין זאג מיין פריינד איר קענט זיך מיך פון דער איגענד נאך
פון קינד ווייס אן אז איך בין גיוועזען אוואיל יונגעל איך האב גאנץ פיין
גילערינט אין אט דא פון אצייט אז איך בלאנקע מיך ארום אין שאול
תחתיה אין האב קיין באשטאנד איך גייא ארום אן אקאפ מע זאגט
אז איך בלאנזע אין איך שרעק מיך פילייכט איז דאס אמת איך קען
זיך גאר קיין עצה ניט גיבען וואס זאל איך טאן אין האב בא די ווערטער
גיט גיווייגט ער האט אויף מיר מיט לידין גיהאט און זאגט קים צו צוא
משה'ען ער וועט אוים הערין דיין גיבעט אין וועט דיר העלפין ער
נעמט מיך פאר אהאנט אין פירט מיך צו אים צו אין זאגט אדון כל
הנביאים דאס קינד האט צו דיר אביטע. רייד מיין קינד זאגט משה.
רייד אן שרעק איך בין גיפאלין אויף די קניעהין מייני אויגען האבן זיך
גיעפינט וויא צוויא קוואלין וואסיר דיא טרערין זענין גיפלאסין טייכין
ווייס טרערין זיסע זייער הערצליכע טרערין אין מיט אציטערנדער שטימע
קאם וואס מע האט גיהערט האב איך גיזאגט די ווערטיר דיא גרויסער
גיטרייער פאסטוך די האסט גיפאסיט דיינע שיפעליך אויף אגוטער פאשע
פון זיכער אמונה די האסט זייא גיצוגין וואסער פונם שטיין פון שכל מיט
גרויס דערבארימקייט האסטו זייא גיפירט אין דיא וויסטע סטעפים פון
אום פערשטענדיג ניט די האסט זייא גליך גימאכט דיא קרומע הוכע
בערג פון נארישקייט מיט די ווערטער פון דיין מויל האסטו זיי גיהאלטין
אין צוים פון קליגשאפט מיטן שטעקין פון דיין געטליכער חכמה האסטו
זייא גישפאלטען דעם ים פון אבער גלויבינג אין האסט זייא איבער גיפירט
טריקען אין דעם סעווערנעם כער וויא אלע קליגע מצרים האבין זיך
גיטרייגקין האסט זייא גיהאדיוועט מיט מן אעסין וואריג פון וויסען שאפט
אין דער וויסטע האסטו גימאכט אהין פליהען שליו פויגלין פון פר שטאנד
דיא בייזע ניפטיגע שלייגג די נארישע גידאנקין האסטו גישוט מיט דיין
קליגשאפט אין יעדאך האבען זיי גישריגען (נתנה ראש ונשובה מצרימה)
דען סע איז זייער שוועד זיך אפ רייסין פון נארישע גידאנקען נאר דיא
מיט דיין קרעפט האסטו זייא אפ גיהאלטין ביז דיא האסט זייא ניט אן
גיזעט מיט חכמה אין האסט זייא גימאכט פאר לייט פון נאטים מזל האסטו
זייא גיגיבן אוועקליך דייני רעליגיע נאך זיך האסטו זייא אויך גישטעלט
טייערי פאסטיהר וועלכע האבין זייא גיפאסיט אויף דיין מאניר אבער
היינט

היינט האבין מיר פאסטיכער וואס פאסין זיך ניט אונז זייא שערין אונזער
זאל אין מאכין זיך קליידיר אונזער מארת טרונקען זייא מיטען בלוט צו
מיטם אין אויף אונז קוקין זייא גאר ניט זייא זאלין אונז גיבען אביסעל
גרין גראז מיר בלאנזין ארום אין דיא וויסטיע סטעפים מיר שפרינגען
פון איין שטיין אופין צווייטין מיר זיכין אויס דיא סטעסקים פון אונזערי
אלטע פאסטיכער אין ריזען דאס ביסעל גראז וואס איז פון זייא גיבליבן
סע קען זייא אבער ניט אן זעטין דען סע איז שון פאר טריקענט פון דער
היינטיגער זיען דיין וואסער האבין מיר ניט צו לעשין אונזער דארשט אין
די פאסטיכער זיצען אין דער היים אין גימיבעלטע צימערין וויא די גראפען
אין דאס הארץ טוט זייא גאר ניט וויא אויף אונז א גרויסיר גיטרייאר
פאסטיך האט ערבארעמונג אויף א אינג שיפעלע וואס בלאנקיט זיך ארום
אין דער וויסטעניע הארעווע מיך אן מיט אביסעל פאשע פון דיין האנט
צו שלאג מיר מיין דארשט וואָרום איך וועל פאר גייען אדרא פאר דיינע
אויגין אין דער שילד פון די שלעכטי פאסטיכער זעט מיך אן מיטן גראז
פון דיין תורה שטיל מיין פארכט מיט וואסער פון דיין חכמה העָן
אלאנגע צייט אז איך בין אראפ גישפרינגען פון אגרויסין פעלזין אונ האב
גיטראפין גליך אין שאול תחתיה איך וויס גאר ניט וויא ארום איך זאל
פון דארט ארויס היי הרעים ווי אויף אייך איר שלעכטע פאסטעכר
אבער ווינד אין. וויא איז אונז ארומע שיפעליך גיט איז נאך די וועלכע
זאנין בלינד זייא ווייסין ניט אין וועלען ניט וויסען אויף וואסירע פינסטערי
ערטיר מע פאסיט זייא זייא מיינען אז סע דארף אזו זיין בלינדער היי
גייען ווי נאך די פאסטיכער זיי צושטעכן זיך אין די דערנער וויס ליגען זייער
פאציע זייא רייסען אויס זייער וואל ביז דאס בליט רינט פון זייא ארויס
אבער ווינד איז אונז אלע שעפעליך מיין גלייכין וואס מיר האבען
גיעפינט דיא אויגען צו זעהען אז מע קען זיך פאסען בעסער אונ ניט
דאס איז דיא פאשע וועלכע דער גרויסע פאסטעך האסט פון אונזערט
וועגען גישטעלט מיר טארען קיין מויל ניט עפינען צוא זאגען נאך וואס
פאסעט מען אונז אזו שלעכט מיר מוזען בלינדערהייד נאך גיין דער
גאנצער שטארע וואס גייט נאך דעם פאסטיך וועלכער איז זעלבסט
אויך בלינד, מע פירט אונז וויא שאף צוא דער שחיטה אונ מיר מוזען
שווייגען דען אז איך האב גיפרובט זיך אן קלאגען צוא וויסען אונזערע
שאף אויף דיא שלעכטע פאסטעכער האט מען מיך שוין אביאוועט
פאר איין פארשיווע שעפילע וועלכע קען זאראזשען דיא גאנצע צעדע
אונ מען האט מיך שוין פון דארט ארויס גיטריבען איך בלאנקע מיך
ארום

אַרום אונ קען זיך קיין שטעלע ניט געפינען איך וועל באלד פאר
ברענט ווערען פון היץ. דער הונגער שטארקט זיך אין מיר טאג טעגליך
אונ איך האב ניט מיט וואס איהם צו לעשען פון מינוט צו מינוט שטארקט
זיך מיין דארשט אונ איך קען איהם ניט שטערען איך וואלט זיך אום
געקערט צוריק צוא דער אלטער פאשע איז דאס ניט מעגליך דען אז
איך האב שוין יא געעפענט מיינע אויגען צו זעהען די ליכט זאל
איך זיא פאר מאכען אונ גיין אין דער פינצטער. אה! גיין דאס קען
ניט זיין, ליבער וועל איך אוים גיין אין איין זאמקייט אידער אן
קומען צוא די ביזע טיראנעס זייא ביטען זאלען מיך נעמען ווייטער
אין זייער שפאדע דען וואס מער איך וועל זיך סטארען זייא צוא
געפעלען מער וועלען זייא געפינען פעלער אין מיר איז. איך זאל מיך
רייניקען וויא מיט זייא בעסטע ריסעווער זייפען ווען איך זאל מיך
פוצען מיט די טייערע באלזאמען וועלען מיך די מענטשין פאסטעבער
פאר שמירען מיט בלאטע אונ יעדער ווארט. וואס וועט ארוים גיין פון
מיין מויל וועלען זייא געפונען אזוינס וואס ניט פאסיג איז פאר זייער
הערע זייא וועלען מיך האסין אויף אייביג שטענדיג וועלען זייא מיך
פאר אכטין פאר דעם איינעם ווארט וואס איך האב אמאל געזאגט דען
זייא האלטען זיך פאר גרויסע תלמידי חכמים אונ האבען זיך אן
געשעפט אין אגמרא וואס זיא זאגט. יעדער תלמוד חכם וואס איז
זיך ניט נוקם וויא אשלאנג איז קיין תלמוד חכם ניט. אט די ווערטער
איז איין אראיע ביי זייא אין האנט האטשי זייא פאר שטייען גאר
דעם גידיינק פון די היילעקע ווערטער, דרום דער בארים זיך אויף
מיר געוויסער געטליכער פאסטיך אונ גיב מיר אביסעל וואסער פון דיין
לאגעל, ווארום איך גייא אוים פאר דיינע אויגען" מער האב איך
קיין קרעפטען געהאט צוא ריידען בין איך שטיל געבליבען אלע מענטשין
וועלכע זענען געוועזען אין דעם גארטען זענען געוועזען פאר טיפט אין
גידיינקען נאר קיינער האט ניט געזאגט א ווארט, מיין קינד זאגט משה
זארג ניט עס וועט זיין רעכט איך וועל דיך אן זעטען מיט גראז פון
אמונה ישרה איך וועל לעשען דיין דארשט מיט וואסער פון ריינער
השכלה וועסט ווערען אמענטש מיט דער צייט נאר דער צייל מיר איך
ביט דיך אין וואס באטייט די פאשע אויף וועלכע מע פורט איך
צונד? די פאשע זאג איך, די פאשע באשטייט פון דיין תורה אן
פשט, פון פישע גמרא אן מאלק, פון אום נאטירליכע ווינדער פון
גוטע יודען פון כישוף פון רוחות אין שדים פון נאך פיל אבער גלויבישן
זאכן

זאבען וואס קיין גלייבער שכל קען דאס ניט פאר נעמען איך האב
אבער געפינט מיינע אויגען צוא זעהען תורה אן פשט איז זייער ביטער
אין פישגע גמרא אן מאלק איז נאך ערגער מע זאסטאוועט אונז גלויבין
אין אלע אגדות אזו וויא זייא שטייאן געשריבען חאטש קיין גלייבער
שכל קען דאס ניט פאר נעמען אונ וואס וועלכער עס האט נאר אויגען
אין קאפ קען פאר שטיין אז דארט ליגט עפים, זיין זאגט מען סע איז
נאר פראסט קומט אצוויימער פון דער זייט גלאט אשייגען אונ זאגט
יא סע איז פראסט סע איז אבער גאר אין גאנצען אליגען. שומו שמים
על זאת, האבען זיך אן גירופען עטליכע בעלי אגדות, פאר ווינדירט
זיך איר הימלען דרויף מע זאל אונזער עהרע אזוי ערנידערען צוא
דער ערד מע זאל אונז האלטען פאר גראם זאגערס צוא קאמיקער
וועלכע שרייבען פיסטע פרייזען אהא! דיא גרוסער בן לוי וויא גירעכט
ביסטו גיוועזען אז דיא האסטו גיזאגט. אפ גיהאקט זאל ווערען דיא האנט
וואס האט דאס געשריבען, דען אין אמת האבען מיר דאס גיזאגט נאר
לפי שעה אין דער צייט וואס אלע צוהערער האבען פאר שטאנען דיא
שיינע אלעגאריע פון אלע וואסטאצגע שפריך וועלכע האבען גירעדט
אופין ווינק אבער מיר האבען גאר ניט גימוזט צוא שרייבען דאס אויף
שפעטער נאר אז מען האט שוין געשריבען זאלען מענטשען זיין אזוי גע
נארען צוא גלייבען אזוינע זאכען אדער זאגען אז סע איז אליגען אונ
מיט דיא ביידע אונז העכסט שענדען. מילא אויף דיא נארישע מענטשין,
האדט מיך שוין ניט אזוי פיל אבער איר גרויסע גאונים אויף אייך
פאר דריסט מיך שטארק פאר וואס האט איר ניט גזאגט אז אין דעם
לוגט עמוואס מער פון הולע פיסטע פאזנים? קארג האבען מיר
גישריבען זאגט רב סעדיה גאון מיר האבען גינוג גירעט וויא ווייט
מיר האבען פאר שפאנען מיר האבען אין אונזער צייט פיל גיהאריוועט
אויס צוא ראמען דעם יודישען נארטען פון נארישקייט וועלכעס האט זיך
אהין פאר שלעפט פון דיא ווילד אבער גלומפעשע גרעקען דענקמאלדגע
נאר קיינער העדט אונז אבער ניט, מאקע זאג איך, מע זאגט אפט
מאל אויף אייך אז איר זענט דער פאר אפיקורסים, וואס הייסט זאגט
משה וואס קער זיך אן לאקש מיט. בודים אז מען גלויבט אין אגדות
בפשוטן איז מען איין אפיקורס איז דאס דען דיא דאגמאטען דיא
גרונטען פון דער רעליגיע? נאר דאס זאג איך אז איך האב אמאל גזאגט
אז דיא בעלת החלום האט ניט אויף גיבראכט שמואלן האט מען גישריגען
אז איך בין מכופר בעיקר אונ אמאל האב איך גיזאגט אין אסאבראניע

פון גאנץ איידעלע לייט אז אליהו הנביא טרינקט ניט אוס פון דיא בעכערס דעם ווין וואס מע שטעלט אום פסח צום סדר האט מען מיך געוואלט פאר שטיינען, וואס וואס? פרעגט אליהו איך טרונק ווין פסח צום סדר, דוא ווייסט גאר ניט ענפער איך, ביי אונז מוז מען דאס גלויבען איך האב אליין געהערט פון פיל איידעלע יודען וואס זאגען נאך שפוך חמתך ברוך הבא צוא ווייזען אז דיא בעסט שוין אריין געקומען הא! הא! האט אליהו אלאך געטאן איך האב זיך גאר ניט גערעכט אז היינטיקע יארען זאלען זיך געפינען אזוינע נארען מיך האלטען פאר אנגרעסערין שיכור פון לוט'ן מיר רעכט אז איך האב שוין אייער ערד ניט אן געקוקט אצייט מיט יארען און באגייא זיך אן עסן און אן טרונקען, הער נאר זאגט משה צוא מיר אפנים אז איר ווייסט קיינער ניט דיא עקרי האמונה? ניין זאגט דער רמב"ם איך האב זייא אויס געצייילט דיא עקרים אויס געקלויבען ריין וויא גין גאלד און גאר ווייניג אין גאנצען דרייצען. הער מאמין זאג איך איר וועט געדעכט איר האט געקלערט זייער גוט פון אונזערט וועגען נאר מעקלערט היינט זייער שלעכט מיר רעכט איר זאלט אליין קומען צו אונז וואלט מען אייך פאר שטיינס ניט גאר דער פאר וואס איר וואלט געזאגט אז אליהו טרינקט קיין ווין ניט אפילו איר זאלט נאר זאגען אז אטאטער קען ניט העלפען מיט זיינע בריבעלעך דען מע האט געמאכט שפאגיל נייעה עקרים ניט אזוינע וואס מעדארף גלויבען נאר אזוינע וואס מען מוז גלויבען איך קען אייך אוס רעכינען עטלעכע פון זייא

1 אני מאמין באמונה שלימה מע מוז גלויבען אז איין אלטע גייעה אבישוף מאכירען קען טאן גרויסע ווינדער אום נאטירליכע און ווייסט אלהגנג וואס עט זיין ביז דיא וועלט וועט שטיין מער פון אחכם אתנא אין הנביא דען הנביא האט דאך ניט מער געוויסט נאר וואס גאט האט געזאגט און זייא ווייסט אפילע וואס גאט זאגט ניט.

2 אני מאמין אז שדים קענען איבער קערען דיא גאנצע וועלט האפען קינדער פון דיא וויגען און מענטשין פון דיא גאסען זייא פירען אין בלאטע און שטעלין אנידער ביז דער האן טוט אקריי און שטאל פארען זייא אויף פערד און לילית גייט ביי נאכט און איין קלאפ צוא טויזענטער יודען.

3 אני מאמין אז דער גיהנם איז נאר אויף דער ערד מיט טויזענטער קאמנאטעם וויא מע שמייסט ביז אין בלוט מע היינגט פאר

דער

דער בריסט אין מאגזבלין פאר דעם קאפ מע זיט זייא אין קעפלין וידעגער צוואה אדער ורע רותחת מיט נאך אזויגע שענדליבע זאכין וואס מע איז מיעס פארין מויל צו ברייננען פאר דעם מויל.

4 אני מאמין אז עולם הבא וועט זיין פון עסין אונ טרינקען אונ תענוגי עולם הזה אזוי וויא דיא קריסטען האבען גיגלויבט אין טויזענט יעריגען עולם.

5 אני מאמין אז אונ ים איז פאראן לויתן אפיש וואס איז גרויס פון איין עק וועלט צום צווייטען אונ רינגעלט ארום דיא גאנצע וועלט דעם ווידיל האלט ער אין מויל אונ טויזענט מלאכים האלטען אים צו ער זאל זיך קיין רידער ניט טאן דען טאמער טוט ער זיך אריר קערט איבער דיא וועלט.

6 אז דער אקס וואס הייסט שור הבר ער עסט אויף טויזענט בערג גראז א טאג מיט טויזענט חיות אונ אים מיט דעם לויתן וועט מען עסין אונ מע וועט פאר באסין מיט אגוט גלעזיל יין המשומר אונ דאטשי דיא חוקרי הטבע האבען ניט באגעגנט אזא פיש מיט איין אקס איז קיין קשיה ניט.

7 אז דער מלאך המות איז פיל מיט אויגען ער שארפט דעם חלף אונ דיא דייטשעקעס וואסער וואס ניט ווייט פון דעם מת.

8 אז אמת וואס מע באגראבט אים ניט צעהין איילין אונ דער ערד אונ צווייא צוא דרייא יאהר ווערט ער זיך זיך צוא פוילט אויף שטיקלעך זאל ער נאך ארויס גיין אין עולם התוהו אונ יעדער זאל אים זעהין.

9 אז דיא נשמות ווערין מגולגל אונ בהמות אין חיות אזוי וויא דיא אינדיאנער גלויבען אז דיא נשמה ווערט מגולגל אונ איין ענדיש אונ אז אמאל האט א יונג אפייער גישאסען א ענדיש האט אים איין אינדיאנער גיוואלט טויטען זאגענדיג טאמער איז דאס אגלגל פון זיין זיידען.

10 אז אליהו טרינקט ווין פון אלע בעכער פסח צוא דיא סדרים.

11 אז משיח וועט קומען וועלין וואקסען גרייטע קאפאטעס פרישע פעציל מיט פעטע קנישעס אונ קיינער וועט ניט זיין נאר מיר אליין.

אז

12 אַז גַנְבֶענִין אוּנ רַאבִּיוֶועֶן בַּיי דֶעם וָואס הָאט נִיט קַיין נְשָׁמָה נָאךְ זַייעֶר נַארִישֶׁען גְלוֹיבֶּען אוּנ טַאקֶע אָפְּט מָאהָל אוֹיךְ בַּייא אִידֶען אִיז בֶּעסֶער וִויא לֶערְנִין וְחָכְמוֹת אוּנ שְׁפְּרַאךְ רֶעדֶן אוּנ אֶמֶת. לָאמִיר זֶעהִין וֶוען מֶע זָאל זֶעהִין אַ אִידֶען עֶסִין חֲזִיר וָואס אִיז נִיט מֶער וִויא אַלְאוֹ וָואס קוּמְט דֶער פַּאר פֶּערְצִיג מַלְקוּת וָואלְט מֶען דָאךְ אִים פַּאר שְׁטֵיינְט אוּנ נֶעמִין פְּרִיצֶענְט וָואס מֶע אִיז עוֹבֵר אוֹיף זֶעקְס לַאוִין אוּנ זֶענִין גַאנְץ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

13 אַז אַלֶע הַגָדוֹת זֶענִין כִּפְשׁוּטָן אוּנ נִיט נָאהֶר קַיין הַגָדוֹת אֲפִילוּ אַלְץ וָואס אִיז גִישְׁרִיבֶּען אוּנ סְפָרִים אוּנ מַעֲשִׂיוֹת אִין קְהַל חֲסִידִים צוּא נָאךְ אַזוֹיגֶע אוֹיךְ וָואס אַלְטֶע-וַוייבֶּער דֶער צֵיילִין אוּנְטֶער דֶער הַרִיבֶּע פְּלֶעקִינְדִיג דִיא פֶּעדֶערִין אוּנ וֶוער סֶע גְלוֹיבְּט נִיט אֵיינְס פוּן דִיא אַלֶע אִיז עֶר אַכּוֹפֵר בְּעִקָר סֶע אִיז פַּארַאן נָאךְ פִיל אַזוֹיגֶע נָאר אוֹיס רֶעכִינֶען אַלְטְדִינְג אִיז אוּם מֶעגְלִיךְ אִיךְ הָאבּ נָאר אוֹיס גִירֶעכִינְט דְרַייצֶען אַקוּגֶען זַייעֶרִי דְרַייצֶען אוּנ וַוייטֶער אִיז אִין דֶעם דְרַייצֶענְטִין הַכְּלָל אַלֶע הַיינְט פַּאר שְׁטֵייט אִיר שׁוֹין מַיינֶע הַארִין אוֹיף וָואסֶער אַפַּאשֶׁע מֶע פַּאשֶׁעט אוּנְז.

אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ גִיט אוֹיס גִילַאכְט. הָאבּ קַיין זָארְג זָאגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֵייא מַיין קִינְד אוּנ דֶעם וֶועג וָואס דִיא גֵייסְט פָּאלְג דַיין שֵׂכֶל רֶעדֶן עֶר גֵייט זַייעֶר גְלַייךְ: אוּנ הָאבּ קַיין פָּארְכְט נִיט פַּאר דִיא נַארִין אוּנ גִיבֶען וֶועט קוּמֶען מָשִׁיחַ עֶר וֶועט אַייךְ פִירֶען אוֹיף גוּטֶע פַּאשֶׁעם אוּנ גְרָאד אָהְן פִּדְיוֹנוֹת עֶר וֶועט מַאבֶען אַלַאד. יָאה זָאגְט מָשִׁיחַ אִיךְ צִיטֶער פַּאר זַייא וֶועדְלִיג זַייא מַיינֶען אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען אִין אַשְׁטְרַיימֶעלֶע מִיט אַיין אַטְיִיעֶנֶעם בְּרִיסְטִיךְ אִין וֶועל זַייא רֵיידִין אִין דֶעם הֵיילִיגִין זַארְגָאן אִין הַיינְט אַז זַייא וֶועלִין מִיךְ דֶער זֶעהֶן גִיקְלֵייד אֵיוְורָאפֵּייעֶעם אִין אִין בַּאזִיץ פִיל קֶענְטֶענִים אִין שְׁפְּרַאךְ אִין וֶועל זַייא צוּא שְׁטָארְכִין זַייעֶר וֶועג מַיין אִיךְ אַז זַייא וֶועלִין מִיךְ מִיט שְׁטֵיינֶער פַּאר וַוארְפִין.

קַאם הָט עֶר גִיעֶנְדִיקְט דִי וֶוערְטֶער אִיז גִוָוארִין אַ גְלֶעכְטִיר נָאר אַגְוַואלְד.

סֶע הָאט אַזוֹי גִיהִילִיכְט אַזוֹי גִיקְנַיאקְט אַז סֶע אִיז אִין שְׁטַאנְד גִיוֶוען אוֹיף צוּא וֶועקִין אַטֵייטִין פוּן זַיין אֵייבִּיגֶען בְּלַייעֶנֶעם שְׁלָאף אִיז שׁוֹין דֶערְכְט מִיר קַיין חִידוּשׁ נִיט אַז סֶע הָאט מִיךְ אוֹיף גִיוֶועקְט פוּן דֶעם שְׁלָאף אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ גִיחַאפְּט מִיט אַצִיטֶערְנִישׁ מִיט אַפִּינְצְטֶערְנִישׁ מִיט אַיין הֶעלִישׁ פַּייעֶר אוּנ אִין שְׁרֶעק אַז אִיךְ הָאבּ גִימֵיינְט דִי וֶועלְט קֶעהְרְט זִיךְ אִיבֶּער וְאָקֶץ וְהִנֵה חָלוֹם.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט פוּן דֶעם שְׁלָאף אוּנ קוּק זִיךְ אִים נִיטָא

שׁוֹין

שוין דֶער גָארְטִין מִיט דִיא בּוימֶער נִיטָא דִיא גִישְׁמַאקֶע שֵׁיינֶע רוֹיזִין
נִיטָא דִיא הִימִילְשֶׁע לַייט מִיט וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ פַאר בְּרַאכְט דֶער קִיגֶען,
אָבֶּער זֶע אִיךְ שוין אויךְ נִיט קֵיין שֵׁרִים אִיךְ פִיל מִיךְ עֶפִּיס פְּרִיעֶר אִיךְ פַר
שְׁטֵיי אַז אִיךְ בִּין שוין נִיט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה אִיךְ שְׁטֵייא אויף אַפֶעלְד
בַּאוַואקְסֶען מִיט גְרִינֶע גְרָאזִין לֶעבִּין מִיר אִיז אַשְׁפִּיגִיל אִיךְ קוּק זִיךְ
אַיין אִין אִים עֶפִּיס הָאבּ אִיךְ אַיין אַנְדֶער גִיזִיכְט אִיךְ וֵייס נֶעכְטִין עֶרְשְׁט
הָאבּ אִיךְ קֵיין קָאפּ נִיט גִיהַאט אוּנ הַיינְט זֶעה אִיךְ אויף זִיךְ אַגַאנְץ פַיין
קֶעפִּיל וֶוער הָאט מִיר גִיגִיבֶּען עֶס גֵייט צוּא מִיר צוּא אַשֵׁיין וַוייבְּס
פַארְשׁוין אִיךְ קוּק מִיךְ צוּא אַהַא סֶע אִיז דִיא פְּרִינְצֶעסִין תּוֹרָה אָבֶּער
זִיא הָאט שוין גָאר אַיין אַנְדֶער גִיזִיכְט זִיא אִיז יוּנְג אוּנ שֵׁיין זִיא הָאט מִיר
שִׁיר דִיא אוֹיגֶען פַאר בְּלֶענְדִיט דִיא אוֹיגֶען אִיךְ קֶען אַייךְ גָאהְר נִיט אוֹיס
מָאהְלֶען אִיהְר שׁוֹנְהַייט מַיין פֶעדֶער אִיז נִיט אוּם שְׁטַאנְד דָאס צוּא
צוּא מָאלִין וֶוען אִיךְ וָואלְט הָאבֶּען רַאפַאנְלִיס פֶּענְדִיל וָואלְט אִיךְ גִימָאלְט
אִיר פַּאטְרֶעטִיל . וִויא גִיפֶעלְט דִיר מַיין קָאפּ וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר
גִיגִיבֶּען אִיז גִיט אויף דִיר, גַאנְץ גִיט עֶנְטְפִיר אִיךְ נָא אוֹיבּ אַזוֹי זָאגְט
זִיא טָא טְרָאג זִיא גִיזִינְטֶערְהַייד סֶע אִיז אַגַאנְץ פַיין קֶעפִּיל צוּנְד גֵייא
נָאר גִידֵיינְק אַז סֶע אִיז נִיט דַיינֶע אִיךְ הָאבּ זִיא דִיר גִיגֶעבִּין זָאלְסְט אוֹיךְ
אַזוֹי מָאכִין וֶוען דִיא וֶועסְט זֶעהִין אֵיינֶעם אָהְן אַקָאפּ לַייא אִיבּ דַיינֶע אוֹיף
אַצַייט אוּנ נַאדִיר אָט דִיא בְּרִיף זָאלְסְט זַייא לְמַעַן הַשֵּׁם, אִיבֶּער גִיבֶּען
יִשְׂרָאלִיקֶען אִיךְ וֵייס אַז סֶע וֶועלִין זִיךְ גִיפוּנֶען פִיל וָואס וֶועלִין דִיךְ
וֶועלִין צוּא רַייסֶען אָפּ דְרַייֶען דִיר דֶעם קָאפּ פַאל דִיא נִיט אַרָאפּ בַּייא
זִיךְ נָא דִיר אַפְּרָאטִיקָאל אַפִּייכְטִים עֶס רוּפְט זִיךְ שַׁבְטֵי לְגִיו כְּסִילִים מִיט
דֶעם זָאלְסְטוּ זַייא שְׁלָאגֶען אִיבֶּער דִיא קֶעפּ זָאל גָאר אָן רַחֲמָנוּת רַייבּ
וִויא וַוייט דִיא קֶענְסְט אִין נַייא דִיר אָט דִיא. בְּרִיף זָאלְסְט זִיא אָפּ גִיבֶּען
יִשְׂרָאלִיקֶען וִויא דוּא וֶועסְט אִים נָאר גִיפִינֶען גִיבּ אִים אָפּ דִי דָאזִיגֶע בְּרִיף
אוּנ דֶער צֵייל אִים מִיט וֶוערְטֶער וִויא אִיךְ קוּם אָפּ דָא אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה
וִויא אִיךְ לַייד פוּן אִים . אִיךְ הָאבּ אִים צַייט מַיין לֶעבִּין נִיט פַאר גֶעסִין
דֶער טַעַם לִיגְט מִיר נָאךְ צוּנְד אויף דִי לֶעפִּין מִיר הָאבֶּען זִיךְ. זֵייעֶר שֵׁיין
גִיזִיגֶענְט אוּנ דַאנַיי בָּאךְ נָאגִי אִיךְ הָאבּ גִינוּמֶען דִי פִּים אויף דִי פְּלֵייצֶעס
אִין אַוֶועק אַהֵיים פוּן דֶעם וִויסְטִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נַאפְּרַאוֶועט
אוּנ בִּין אַרוֹיף אויף דֶעם גְלַייכֶען שְׁלִיאךְ בִּין שוין גִיוֶועזְן אוּנ דֶער הֵיים מִיר
בִּין אִיךְ גִיוֶועזְן גִיזוּנְג הָאבּ אִיךְ מִיךְ גִילֵייגְט אָפּ רוּעָהְן .

זיבצעהנטעס קאפיטעל

דער אויפפיעך פון דיא מזיקים.

צוגר מיינע לעזער, איך בין אויף גישטאנען פינעם שלאף דיא קאפ איז מיר ריעגער קען איך אייך דער ציילען ווייטער הערט נאר מיט השק באלד איך האב מיך אויף גיחאפט בין איך גלייך אין קלויז אריין זוכען מיין גיזעלין איך ווייז אים מיין קאפ זיא איז אים גאנץ גיפעלין ער נעמט זיך אמאס פון איר ער זאל זיך קריגען אויך אזוינע נאהר דעם זייטיגען עולם איז מיין קאפ ניט גיפעלין אפילו אפיצעל זייא קוקען מיך אן וויא אמעשיגענעם זייא שרייען איין מאהל איבער אלע מאהל אז אהן אקאפ איז זיכער נאר גישמאק זייא פאר פיל איך האב זיך אויס גילערנט ולמשה ולכל בני ישראל לא יחרץ מעגין זייא שוין רידין וויפיל זייא ווילען לאמיר זיך אום קערין צום ערשטין שכיעס איר האט זיך שוין פון מיר גיהערט אז מע האט צו שיקט נייע מזיקים בין איך שיר פון דער הויט ארויס אז איך האב דער זעהין וויא זייא רייסטוועוועען דא אזוי שטארק און אזא קורצער צייט האבען זייא אוספיעט איין נעמין זייא פיל מענטשען פראסט סע בראט מיך. וואס הייסט דאס וויא אזוי לאזט מען זיך פאר פירין אין בלאטע אריין · וויא אזוי לאזט מען זיך גיחאפט ווערין אין דער נעץ פון אזוינע מזיקים נאר ווער עס איז שוין גיחאפט איז פאר פאלין פון דעסט וועגין פריות. זיך ראטעוועון מיינע קינדער אז איר חאפט זיך צווא תאוה איז זיא חאטש אתאווה דער ווייל אויך וועט איר שפעטער חרטה האבין אין חעט זיך ארוב קוקען וויא נארעש איז דער מענטש וואס לאזט זיך אריין אין תאוועס נאר איך ווייס ניט צווא סע וועט אייך ניט. העלפין דען דער וואס האט שוין אריין גיטראפין מיט איין פיס אפילע איז זיך שווער צווא אים קעהרין. אבער איר מאדיסטען וואס לויפט איר נאך נאך דער מיסער מאראם מאדע זיא איז דאך נאר מיעס אין גישטיפילט אז גאט זאל ניט שטראפין פאר דיא רייד זיא קען דאך דער קענין ווער עס האט נאהר אויגין קאפ פיל מענטשין אז דער קייזער וויל אויס בילדין אונזערע יודען דער מיט וואס זאלין גיין גיקליידט מאדעס אט טיהען זייא זיך אן גיפרעסטע העמדליך מיט פאוועדליך מיט זאנטיקעס אין דיא הענד ווער רעט דיא ווייבליך דיא מיידליך. פוצען זיך שוין היינטיגער משוגעגער וויים גע חייזשע וואלטין זייא תאטש גיקענט עפיס דיקע ניט זייא קענין ניט קאכען ניט באקען ניט

נייען

גייען ניט העפטין ניט זינגען ניט שפילין אבי זיא קען טאנצען נאך דער
מאדע אט זענין זיי גאנץ פיינע ווייבליך העכסט גיבילדעט דען זיא קען
דאך מאכין דעם טיאליעט אין האלטין דעם קאפ אויף דער זייט קליג
זענין זייא וויא אונזער ראבבס ציג וועלכע עסט היי פון דיא וועגין אין
פאסקעט שוין שאלות פון פראקטיק גלייך מיטין ראב זיא גייט דאך אבער
פארט מיט אליינגען שלעפאה. נאך קיין מאחר איז דיא וועלט ניט אזוי
גיאיינגט גיוועזן וויא זינט דיא מאדע איז ארוים אין דער וועלט דיא שדים
זענין אפנים גאנץ קלוג אז זייא האבין ארוים גישיקט אזא שרעקליכען מזיק
וועז האט אזוי גיהארעוועט וויא זינד דיא וויסטע מאדעס זענין ארוים
אשטייגער אז א יוד דארף חתונה מאכין אקינד מע ציפט אים זיין בלוט
מאך אזא מלביש אזוגעס יענץ איז שוין פון דער מאדע ארוים · ניט ער
פילט זיך ער מאכט אין מאכט צו ער האט צוא ניט הארעוועט ער אין
ווערט פאר שווארצט ער דרייט מיטין קאפ אין רייסט קריעה ער לייט ער
בארגט מארגין ווערט אויס מאדע גיט מען דאס אפ פאר אצענטיל געלט
וואס מע האט גיקאסט איין שנאק מאכען אנדערש ווערט מען עפים שלאף
גייט מען זיך קורירין אין דיא סאדין מיט מינעראלנע וואסער אין מע קוקט
זיך צו · יענע גייט מער צירונג דיא גייט אבער דיא הוט יענע שיינע דיא
פליאטע אט אויס היילינג דיא גאל אקארסט זיא לאפנים ניט גייט ניט
טרינקט ניט קוקט ניט קריינקט ניט אפט האט מען גיהערט גרויסע
קאנטארען זאלין אהן זעצין אזוי וויא היינט אפט האט איר גיזעהן אידען
זאלען לייען אין צאלין אזוינע גרויסע פריצענטין וויא היינט. גיין סע
איז טאקע נאר זינט דיא מאדע איז אזוי גיין תאוועניקעס מאדיסטין
ניט דאס מיינט דער פסוק ניט דאס האט דער קיניג. גימיינט מיטין
בילדין מאכטייסע גיים גיקליידט יעווראפייעס נאר ניט העכסט מאדעס
פאר וואס קריסטין רייכערע פון איך אין גיבילדעטע קליידען זיך ניט אזו
שארף וויא איר מאדיסטין האטש איר זענט ניט רייך אין ניט גיבילדעט
אין האט קיין רעמעסלע ניט אין האנט דען דאס איז דאך דיא גרעסטע
שאנדע וואס זשע טאנצט איר נאך דער וויסטער מאדע פאר געסט
ניט וויפיל צרות זענין מיר יודען אוים גישטאנען פון דעם מאדנע
קליידינג וויפיל מענטשין זענין גיטייט גיווארין פון דיא ווילדע שולטאנס
איבער זייערע רייכע קליידער פון וויפיל לענדער האט מען אונז דורך
גיטריבין נאקיט אין בארוועס איבערין פראכט פון אונזער קליידינג
אי קינדער אום גליקליך איז דער וואס גיט זיך אפ מיט דער מאדע זיי וועהן
אין דיא קרעפטין וויא דיא קערפליכע אזוי אויך דיא גייסטליכע זייא

פאר

פאַר פלעטין זיך זייא פאַר דרייען זיך אין האָבין קיין צייט צוא בילדין זיך ניט דיא קינדער איך וואָלט אייך גיוויזין נאָך טויזינט פרימערין וויא שעדליך דיא מאָדע איז פאַר דער וועלט איין כלל אונ פאַר יודען איין פרט נאָר ניט דאָ איז דאָס אָרט אויב איר ווילט זייט זיך מטריח לייענט דורך מיין ביכעל, דעם מאָדנע שפּיגעל וועט איר זעהען גינוג דיא שלעק פון דער וויקטער מאָדע אונ איר כפירענעקעס וואָס טראַסקט איר אזוי שטאַרק וואָס איר טוט איז נאָך אַלץ פיו ביידע איר טוט אַלדינג טוט אייך איר האָט פיינט דיא העברייעשע שפּראַך האָט זיא פיינט זיא וועט זיך באַגיין אָן אייך אויך איר האָט פיינט אַ יודען מאַכט ניט אויס זייא האָבען אייך אויך ניט איבעריג ליב אָבער וויא אַהין טויג אייך נאָך לאָבען בקול רם פאַר קריסטען אין דיא אויגען מאַכען אתל פון אייער אייגען פאָלק קאַרג וואָס זייא האָבען פון פרעמדע פאַר געערט איר נאָך איר פאַר ריכט זייא דאָס מזל אַשטייגער דיא גוטע ברודער קראַם ניפּעליע וואָס האָסטו צוא אונזערע ברודער וואָס דיא ליאַפּיסט אויף זייא אזוי צוא אין רוסעשע זשורנאַלען ווילסט נאָך טאָן קאָנווערין אַשיינער מענטש אַז ער האָט גיהערט זיין סוף זעה נאָר זאָלסט אייך ניט האָבען אַזאַ סוף אפילו פראַוודע אין פריאַסלאַוו איז ניטאַ אזויגע גרויסע ביינק נאָר פון דעסט וועגען היט זיך צו מיטען סוף טשעפּע ניט אָט דיא בודנע יודען לאָז זייא צוא רוא ניין סע איז גאָר קיין קינטש אָהן; כפירעניקעס נעמט זיך דיא ליכט פון ריינער אמונה זיא זאָל אייך באַלייכטען דעם וועג פון השכלה אמונה! ריינע אמונה דאָס איז אַזיסער רעצעפּט וואָס היילט אויס אַלע קריינקהייטען נעמט דאָס איין עטליכע עם לעפעל אַטאָג צו פירט דאָס מיט וואַסער פון נאַוקע אונ בילדונג אין אַגרוסער גלאָז פון תורה אויף אַמענטשליך פרייא הארץ וועט איר אויס גפילט ווערען פון דעם באַליעזין גיך אונ גיט צו סע איז אַרפואה צוא גיין אָבער אַסגולה אַוודאי צוא תאווה'ן איז פאַרען קאַלטע סגולת פון לייגן אָן אונ וואָס העלפען פראַוודע, זייער ווייניג נאָר מיט דער מאָדע וואָס טוט מען איך ווייס אַליין קיין עצה ניט איך האָב אפילו גיפונען אַקמיע צו איר קען איך אייך אויס לערנען ליבע לעזער הגם סע איז דאָך פאַרען היינטיגע יאָרען אַים וואָס לאַכען זיך אויס פון קמיעות אונ זאָגען אַז סע איז נאַרישקייט הער איך זייא ניט אין שרייב פאַרט קען דאָך מער ניט זיין סע וועט מיך רופין בעל שם אַראַנגה איך האָב יענע קמיעות בעלשעמסקע דאַרפין צוא געסען קדחות איז

טאַקע

מַאכִי אָפְּשֶׁר שְׁוָועֶרְלִיךְ אָן אַדְרָאקְטָער אָבֶּער מַיינֶע דַארְף צוּא נֶעמָען גֶעלְט קֶען זִיא זִיכָער צוּא נֶעמֶען אָן אַדְרָאקְטָער אוּנ אָן אַטְאאָטָער אוֹיךְ אֲפִילוּ הָערְט מִיט תֵּשֶׁק נֶעמְט אַבּוּינִין פָּאסְט פַּאפִּיר אִין שְׁרַייבְּט מִיט רוֹיטֶען טוּנְט דֶען אַזוֹי אִיז הַיינְט דִיא מָאדֶע נָאר שְׁרַייבֶּען מִיט דֶער פָּארְמֶע וִויא אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה מֶע טָאר נִיט מַפְסִיק זַיין אִין מִיטָען פְּרִיעָר זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיס הִיסְטֶען גוּט וָוארוּם נָאךְ דֶעם קֶען מֶען הִיסְטֶען מִיט בְּלוּט אוּנ טוֹבֵל זַיין זִיךְ הִיפְּשֶׁע טְבִילוֹת אוּנ וַוארִים בָּאד אוּנ אוֹיס טְרֵייסְלֶען דִיא קֶעשֶׁנִים אַז אַגְרָאשִׁין זָאל נִיט בְּלַייבֶּען וָוארוּם אַז נִיט וֶועט נָאךְ דֶעם נִיט שְׁטַייעֶן זְכָרִים מוּז מֶען מַאכֶען אַזוֹי דִיא פָּארְמֶע.

שִׁיר לְמָאדֶע.

אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים, אִיךְ הֵייבּ אוֹיף דִיא אוֹיגֶען אִין אַלֶע שְׁטֶעט וָועהְט מֶען אַלֶע מָאל אַנַאייֶע מָאדֶע מוּז מֶען אוֹיךְ נָאךְ טַאנְצֶען עֶסִין אַ מַכָּה טְרוּנְקֶען אַרִיךְ אַבִּי דֶער מָאדֶע נָאךְ גֵיין מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי פוּן גָאר נִיט קֶען. קוּמֶען מַיין הִילְף אָדֶער פוּן דֶעם וָוארְט אוּנ וָוארוּם עֶזְרִי מֵעִם הַמָּדֶע הַמִּתְהַלֶּכֶת בָּאָרֶץ פוּן דֶער מָאדֶע וָואס גֵייט אַרוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט מֶען זָאל לַייעֶן אוּנ בָּארְגֶען צָאלֶען פְּרִיצֶענְט לֶעבֶּען שׁוֹין אוֹיף יֶענֶעמְס שְׁטְצָאט אוּנ צוּם סְרָאק פוּן צָאלֶען זָאגֶען אֵין לִי אַל יִתֵּן לַמּוֹט רַגְלֶךָ דִיא מָאדֶע אִיז אַז דִיא פִיס זָאל זִיךְ נִיט גְלִיסְטֶען. צָאלֶען זִיךְ נִיט סְפָּאטִיקֶען וִויא דִיא פֶערְד דַארְף מֶען גֵיין פִינוּף פַאר צִיזְמִים אַ יָאר מִיט מֶעשִׁינֶע פָּארְקָאוּוקִילֶעךְ אַל יָנוּם שׁוֹמְרֶךָ עֶס דְרִימֶעלְט זִיךְ גָאר נִיט דֶעם וָואס הִיט דִיךְ כִּי הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר הַמָּדֶע עֶס קֶען זִיךְ נִיט שְׁלָאפֶען דֶעם וָואס הִיט אָפּ דִיא מָאדֶע הַמָּאדֶע שׁוֹמְרֶךָ דִיא מָאדֶע אִיז מֶע זָאל זִיךְ הִיטֶען יֶענֶער זָאל חָלִילָה נִיט וִויסֶען אַז אִין קֶעשִׁינֶע אִיז נִיטָא אַ גְרָאשֶׁען אִיבֶּער דֶעם אִיז צִלְּךָ עַל יַד יְמִינֶךָ דַארְף מֶען גֵיין מִיט אַשָּׁטָן צוּא וִויא הֵייסְט דָאס אַזְאַנְטִיק אוֹיף דֶער רֶעכְטָער הַאנְט אַז יוֹמָם הַשֶּׁמֶשׁ לֹא יַכֶּכָּה הוּא זִין זָאל בַּאטַאג נִיט. שְׁלָאגֶען אִין פְּנִים פַאר שַׁאנְד וְיָרֵחַ בַּלָּיְלָה אוּנ דִיא לְבָנָה בַּייא נַאכְט יִשְׁמָרְךָ וֶוערְסְטֶע הִיט דִיךְ בְּכָל רָע אִיז עֶר אִין אַלְדֶעם בֵּייז שְׁמוֹר נַפְשֶׁךָ הִיט קִינְדֶער דִיא בֵּיינֶער אִיר זָאלְט זִיךְ צוּ אִיר נִיט פָאפַאדְרִין אִין דִיא הֶענְט אַרַיין תִּשְׁמוֹר צֵאתְךָ וּבוֹאֶךָ זִיא וֶועט דִיךְ הִיטֶען אַז דִיא וֶועסְט גֵיין אִין גַאס אַרַיין זָאלְסְטוּ נִיט אִין זִינֶען הָאבֶּען פַאר דִינֶען עֶרְלִיךְ אַקֶערְבִּיל וָואס דֶען אַכְטוּנְג גִיבֶּען וִויא יֶענֶער פִירְט זִיךְ אוּנ נָאךְ טָאן אִים, בִּיז דָאךְ אָבֶּער

אכבצן

אַקאַבְּצֶען וֶועסְטוּ אַנְטְלוֹפֶען אַהֵיים וָואלְסְט נִיט וֶעהֶען דִיא צָרוֹת פַאר דִיא אוֹגֶען וֶועסְט נֶעמֶען עֶסִין דַיין בִּידְנֶע וַוארֶמְס וֶועט דָאס דִיר נִיט אַיין גֵיין וֶועסְט זִיךְ וַוארְגֶען מִיט יֶעדֶער בִּיסֶען מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם סֶע אִיז אַ כָּארֶע פוּן הַיינְט בִּיז אֵייבִּיג אַז בַּייא קֵיינֶעם אִיז נִיטָא אַגְרָאשִׁין גֶעלְט מֶען לַייט מֶען בָּארְגְט מֶע צָאלְט פְּרִיצֶענְט מֶע טוּט נָאךְ אַיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן דֶער נָאךְ גִיט קֵיינֶער נִיט אָפּ יָא אַזוֹי דַארְף זַיין סֶע מוּז אַזוֹי זַיין אַזוֹי אִיז דִיא כָּארֶע׃

מַאנְזְבִּיקְשֶׁע

מָארֶע שְׁרַייב נַייֶע זְשֶׁערְנַאלִין

אמינישקע	מיט אפאוועריל
אזאנטיק	און פערצאטקים
אקירצער סערדיט	גיפוצטע שטיוועל
אקאפיליעש	און קיין ווארט עברי
אנארישער קאפ	אן פיאות
אשיין קימעל	אנישט היינג זיך אויף
דרייא קעשינים	אן אגראשין
פנימה	

לא תקבץ כסף
ניט קלייב געלט
תקבץ כסף לא
קלייב געלט ניט
כסף תקבץ לא
געלט קלייב ניט

כֶּסֶף וְכָל כַּת דִילָה חוֹין

סֶע אִיז נִיטָא בַּייא דֶער נְשָׁמָה אַגְרָאשִׁין כֶע וֶועט טַאקֶע נִיט זַיין מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם נֶעם דִיא קָמֵיעַ אִין הֵיינְג זִיא אוֹיף אַלֶע קֶעשֶׁינֶעס וֶועט דָאס הִיטֶען אַז כֶע זָאל הָלִילָה נִיט צוּ קוּמֶען אַהִין אַגְרָאשִׁין אֵייבִּיג אִין דָאס גֶעלְט וָואס דִיא הָאסְט וֶועט דָאס צוּא נֶעמִין וִויא מִיט הֶענְט בָּדוּק וּמְנוּסֶה׃

וַוייבֶּערְשֶׁע

דִי מַאן קְרִיךְ אִין דֶער עֶרְד!

כסף לא תקבץ	אפנים וויא ארוח	מיט אנואואל פאר. האנגען
געלט ניט קלייב	אפאר שטעלט געזיכט	מיט א אפען חארץ
תקבץ לא כסף	אנארישע קאפ	מיט אגרויסען שוניאן
קלייב ניט געלט	אפיסק אוף שרויפן	און באנזשור מאסייא
לא כסף תקבץ	ליימענע הענד	מיט ווייסע פערצאטקעס
ניט געלט קלייב	אגרוסער דלות	און אקלייד. אין 18 פאלעס
	אנאר ביז מצרים	און אשלעפ אוף 18 קלאפטר

דָאס מוּז אַלֶץ זַיין וָוארוּם סֶע אִיז הַיינְט אַזַא כָּארֶע׃

אָט דִיא קָמֵיעַ תָאטְשַׁא זִיא וֶועט הֵייטְגִין בַּייא דִיא וַוייבֶּער הָאט זִיא אִין זִיךְ אַזַא קְרֶעפְּט אַז סֶע וֶועט נִיט כְּטַייאָן קֵיין גֶעלְט בַּייא דִיא מַאנְזְבִּין אוֹיךְ עֶר וֶועט דְרַייעֶן דֶעם פּאפּ אַהִין אַהֶער נִיטָא קֵיין גֶעלְט!

ער

עֶר וֶועט רַייאָן אִין בָּארְגִין מֶע דַארְף בַּאצָאלִין גִיטָא-קִיין גֶעלְט ! חָאטְשׁ
וֶוער צוּ וֶועצְט הָאטְשׁ שְׁטַארְבּ אוֹפִין אָרְט גִיטָא-קִיין גֶעלְט, עֶס וֶועט נִיט
זַיין מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם .

זִיבֶּענְצֶעהֶענְטֶעס קָאפִּיטֶעל

דֶער פָּאטְשְׁטַאלְיָאן אָדֶער דִיא בְּרִיף פוּן דֶער פְּרִינְצֶעסִין תּוֹרָה צוּא יִשְׂרָאלִיקֶען ..

יִשְׂרָאֵל יִשְׂרָאֵל . מִבֶּטֶן שְׁאוֹל אֲשַׁוֵּעַ אֵלֶיךָ פוּן דֶער טִיפֶער גְרִיבּ
וִויא דִיא הָאסְט מִיךְ פַאר וָוארְפֶען שְׁרַייא אִיךְ אִיצְטֶער צוּ דִיר עֶס
הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גִיפֶּעלְט דִיא יָארִין אִין וֶועלְכֶע. אִיךְ פְלֶעג צוּ דִיר שְׁרַייאֶן
מִמְעוֹנָה אֱלֹהֵי קֶדֶם פוּן דֶעם וואנוּנְג פוּן גְרוֹיסִין גָאט דֶען דִיא אַלֵיין ווִילְסְט
דָאס נִיט מִיט דַיין ווִילִין בִּין אִיךְ אַזוֹ טִיף גִיפַאלֶען אִין פוּן דָארְט שְׁרַייבּ
אִיךְ צוּ דִיר נָאר גְרוֹנִי עֶס אִיז מִיר שׁוֹין טְרִיקֶען אִין הַאלְז, צוּ דִיר שְׁרַייאֶנְדֶעג
אִין אִיךְ מֵיין נָאךְ אַלְץ טָאמֶער . טָאמֶער . יִשְׂרָאלִיק דֶער מַאן זִיךְ אִין
דִיא עֶרְשְׁטֶע יָארִין אַז מִיר פְלֶעגִין זִיךְ בֵּיידִי נִיט אָפּ לָאזֶען אוֹיף אֵיין
מִינוּט וִויא דִיא בִּיסְט גִיגַאנְגֶען בִּין אִיךְ גִיוֶועןַ דַיין בַּאגְלֵייטֶערִין מִיר
הָאבִּין אַזוֹ פְרַיינְדְלִיךְ גִילֶעבְּט אַז אַלֶע לַייט הָאבִּין אוּנְז מְקַנֵא גִיוֶועןַ אִין
אַז מִיר הָאבִּין שׁוֹין גִיוואוֹנְט אִין שְׁפַּנְיֶען צוּא אִין פּוֹרְטֶעגַאל וִויא מֶען הָאט
דִיךְ גִימִיטְשֶׁעט אָן אַיין עֶק מֶע הָאט דִיךְ גִיבְּרֶענְט אִין גִיבְּרָאטִין מֶע פְלֶעגְט
דִיךְ שְׁנַיידִין אוֹיף שְׁטִיקְלִיךְ מֶע הָאט גִיוָואלְט דִיךְ מִיט מִיר שְׁנַיידֶען הָאסְטוּ
גִיזָאגְט נֵיין מִיטְשֶׁעט מִיךְ ווִיפִיל אִיר ווִילְט אִיךְ שֵׁייד מִיךְ נִיט נָא הָאבּ
אִיךְ מִיךְ גִיקֶענְט רִיכְטֶען דֶעמָאלְט אַז אִין דֶער צַייט וָואס אִיךְ וֶועל דִיךְ
בְּרֵיינְגֶען אִין אַזוֹנֶע עֶרְטֶער וִויא מִיר וֶועלִין קֶענִין לֶעבִּין פְרַיינְקִין כְּרַייא
קֵיינֶער וֶועט אוּנְז נִיט שְׁטֶערִין, אוּנְזֶער רוּה אוּנְזֶער זִיסֶע לִיבֶּע אִיז עֶרְשְׁט
דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ מִיךְ אַוֶועק וַוארְפִין פֶּעה . דִיא בֶּיעז סָאוויֶעסְטְנֶע אָפּ
גִילֶעבְּט אַזוֹ פִיל יָאר וִויא דִיא טַייבֶּעלִיךְ אִין אוֹיף דֶער עֶלְטִיר פְרַאוֶוען
אַזוֹינֶע שְׁטָאקֶעס אִיר וָואס אִיר לִיבְּט זִיךְ אִין פְרֶעמְדֶע אִיר הָאט פַיינְט
אַייעֶר וַוייבּ מִיט אִיר שְׁפְּרַאךְ אִיר לִיבְּט צוּם מֶערְסְטִין פְרֶעמְדֶע זַייט זֶעה
חָאטְשׁ לְכָל הַפָּחוֹת מְקַיֵים דֶעם פָּסוּק שְׁאֵרָה כְּסוּתָה וְעוֹנָתָה, לֹא יִגְרַע
מַאכְט מִיר אַצַייט מִיט אַלֶע נַאאָקֶעס גְלַייךְ וָואס הָט אִיר מִיךְ גָאר אַוֶועס
גִילֵייגְט

גילייגט אוף. אזייט אין לאבט זיך אוים פון מיר אין איר שמאטניקעס וויפיל
איז אשיעור מיך פידין אין שמאטעס הסר מעלי. הבגדים הצואים טוא אפ
פון מיר דיא אום ריינע קליידך די אום ציכטיגע שמאטעס לאם איך קענין
נייזען דעם פנים פאר דער וועלט אין ניט טשעפע האטש יענעם ניט
וועלכער וויל מיך אביסעל ארום ריינינגען וואס האַרט דיך אמאי לערינט
ער נאך עפים אמאי שרה דיין באבע האט. אוך גיזאגט „אברהמ'ן בא אל
הגר שפחתי" האדיע גינוג האבין צוא טאהן טשעפע יענעם ניט לאז ער
לערנין גינוג זיך צו קריגען אתרפה חלעבין פאר לייטין איר זענט היינט
אונטער די שיץ פון גינידיגע קיניגען וויא אין רוסלאנד אונטער דער שיץ
פון דעם גינידיגען קייזער אלעקסאנדער דעם צווייטען וועלכער וויל אייך
טאן גיטס אין אלע זיינע הארין ווילען אייך טאן גוטס מיטען גאנצען הארצען
נאר אמאל האפט זיך ארוים טאקע איינער אין זאגט יודען זענין דוק זייער
תלמוד לאזט זיך זייא ניט באפריינדין מיט קיין פאלג · ווערזשע איז שולדיג
אין דעם טאקע ווייטער די אליין אדרבא ווייז אים אוים · אז דיא תורה איז
ניט דוק אין הייסט אונז אויך ניט זיין דוק זייא הייסט אונז לעבין פריינדליך
מיט אלע מענטשען אהן אראזניצע וועט מען זיך דיך ערהובין ביז דר לעצטיר
סטעפיניע מע וועט דיר גיבין אלע פראוועס גליך מיט אלע לייט ביז וואנען
וועסטו זיצין אונטער דר רובע וועסט בראטין קארטאפלים אין וועסט מיינען
אז דאס איז דיא וועלט האפ זיך ארוים אין גאס אריין זעה וואסער אשייני
ליכט עס לייכט דאס וועסטו וויסין אז דיא דארפסט אויך זיין אמענטש
וועסט זעהן אז שמאטעס איז היינט אקליינער אן גאנג מע האט זייא אום
גיקאסירט פון אלע יעווראפיישע הייזער קיין שמאטעס מע האט זייא ארוים
גישיקט קיין אזיע קיין אפריקע שיק שוין דיינע אויך אהין אוועק רובניק
נעם אקעמיל קעם זיך ארום טוא אן אריינעם מלבוש גייא אויך ארוים ווי
אמענטש צווישין מענטשין וועסטו האבין אפנים. עד מתי עצל תשכב
גיניג צו שלאפין. די פוילער עפין אויף דיא אוגען און טוא אקיק אויפען
גאס קיינער שלאפט ניט דיא וועלט לעבט האפ זיך אראפ פון דעם גילעגער
גייא אויך ארום אין פאר גיניג זיך מיט דער ריינער זיסער לופט וואס
בלאזט אויף דר פרייער ציוויליזיצערטער וועלט האדיט קלייבען שמאטעס
נא ישראליק גינוג צו ריידען אקליגען איז גיט. אווינק אנאר העלפט ניט
אלדינג פון מיר דיא גרויסע פרינצעסען תורה.

אַבְטְצֶעהֶנְטֶעס עֶפִּילָאג

צוּנְד מַיינֶע לִיבֶּע לֶעזֶער אִיר לֵייֶעגְט זִיךְ מַיין בִּיכֶעל זָאלְט אִיר נִיט מֵיינֶען חָלִילָה אַז אִיךְ בִּין אַלִּיינֶער אִיךְ הָאבּ אוּם גִיטְרַאכְט אַגִישִׁיכְטֶע אַגַארִישֶׁע עֶפִּיס גִיפְּלוּדֶערְט פוּן אַשְׁאוֹל תַּחְתִּיָה מִיט שֵׁדִים מִיט רוּחוֹת אִין נָאךְ נַארִישְׁקֵייט נֵיין הָאט נִיט אַזַא גְרָאבֶּען טָעוּת עֶפִּיס בִּין אִיךְ טַאקֶע אַזַא. גְרָאבֶּער לִיגְנֶער מִיךְ שְׁטֶעלִין פַאר אַוֶועלְט דֶער צֵיילֶען לִיגֶענְס אוּם שְׁטֵיינְס גִיזָאגְט וֶועדְלִיג מֶע גְלוֹיבְּט הַיינְטִיגֶע יָארֶען אִין דִיא זַאכֶען פַּאסְט נָאךְ דֶער צֵיילֶען לֶעגִינְס אַךְ סֶע אִיז ווירְקְלִיךְ אֶמֶת אַלְדוּנְג אֵיין וָוארְט לוּגִין אִיז. דָא נִיטָא. אִיךְ בִּין ווִירְקְלֶעךְ אַרוּם גִינַאנְגֶען אַצַייט לַאנְג אָן אַקָאפּ אִין הָאבּ גִיבְּלָאנְזֶעט בְּלִינְדֶערְהֵייד נִיט ווִיסֶענְדֶעג ווִיא אַהִין אִיךְ זָאהְל מִיךְ קֶערִין אִיךְ בִּין ווירְקְלֶעךְ פַאר קְרָאכֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה נָאךְ וויא אַזוֹי קֶען מֶען פַאר קְרִיכֶען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ שׁוֹן גִיזָאגְט אַז צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה אִיז גָאר נִיט וַוייט אַשְׁפַּאן פוּנֶעם שְׁלַיאךְ אִיז מֶען דָארְט אִיךְ ווֵייס. זִיכֶער אַז נָאךְ פִיל אַזוֹנֶע אָהְן קֶעפּ זֶענִין וויא אִיךְ אַהִין פַאר קְרָאכֶען אִיךְ הָאבּ ווִירְקְלֶעךְ גִיהֶערְט דָאס · קוֹל פוּן דִיא שֵׁדִים וֶועלְכֶע לָאקֶערִין אוֹיף דִיא מֶענְטְשֶׁען זָאלִין זֵייא הַאפֶּען אִין זֵייעֶר נֶעץ טָאמֶער גְלֵייבְּט אִיר מִיר נִיט זָאג אִיךְ אַייךְ פְּרִיווֹט זֶעצְט זִיךְ אַנִידֶער אוֹיף עֶטְלִיכֶע שְׁטוּנְדֶען אִין דֶער הֵיים אִין וַוארְפְט אַוֶועק אַלֶע גִישֶׁעפְטֶען אוּנ בַּאטְרַאכְט אַקוּרַאט דֶעם בַּאלַאנְס פוּן אַייעֶר גְלוֹיבֶּען וֶועט אִיר זֶעהְן דֶעם אֶמֶת הֶערְט זִיךְ צוּ אוֹיבּ דִיא שֵׁדִים בַּאנִצֶען נִיט אוֹיף דִיא בּוֹידֶעם פוּן אַייעֶרֶע קֶעפּ קוּקְט זִיךְ אַרוּם צוּא שְׁטֵייט אִיר נִיט אִין אַבְּלָאטֶע פוּן נַארִישְׁקֵייט בִּיז דֶער הָאן אַייעֶר שֵׂכֶל קְרֵייט זִיבֶּעצִיג מָאהְל אִין אִיר הֶערְט נִיט מֵיין שְׁטֵייט וַוייטֶער זֶעהְט נָאר גִיט צוּא פְאַרִין נִיט דִיא שֵׁדִים רַייטֶענְדֶעג אוֹיף דִיא פֶערְד אַייעֶרֶע גִידַאנְקֶען בַּאטְרַאכְט זִיךְ אַז אִין דֶער הֵיים זִיצֶענְדֶעג זִיצְט אִיר גָאר אֶפְשַׁר בַּא אַלְדֶע שְׁוַוארְצֶע יָארִין אַךְ זֵייעֶר מִיגְלֶעךְ אוֹיף אַזַא אַיין אָרְט בִּין אִיךְ אוֹיךְ גִיוֶועזֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה אִין הָאבּ גִירֶעט מִיט דִיא שֵׁדִים אִיךְ הָאבּ ווִירְקְלִיךְ גִיהֶערְט. דָאס קוֹל פוּן דֶער תּוֹרָה וֶועלְכֶע רֶעט זֵייעֶר גְרָאמֶקֶע אַלֶע טָאג אִין הַארְצֶען פוּן יֶעדִין וָואס אִיז · נָאר יִשְׂרָאֵלִיק דִיא הָאט מִיךְ ווִירְקְלִיךְ אָפּ גִיהִיט פוּן דִיא שֵׁדִים דָאס שֶׁעדְלֶעכֶע גְלוֹיבֶּען אִין הָאט מִיר גִיגִיבֶּען גוּטֶע נַאסְטַאוּולֶיענִיֶעס אַקוּגֶען זֵייא סֶע אִיז ווִירְקְלִיךְ אַז זִיא קְלָאגְט זִיךְ אוֹיף יִשְׂרָאֵלִיקֶען אִין אוֹיף אִיר בִּיטֶערֶען צוּשְׁטַאנְד זִיא רֶעט מִיט אַזוֹנֶע קוֹלוֹת אַז טוֹטֶע וָואלְטִין אוֹיךְ גִידַארְפְט דֶער הֶערִין זִי אִיז

גוּט

ניט ביז פאר דיא שמאטעס וואס מע האט זיא אין זיי פאר קריירט אזוי
וויא דער אמת איז צווישען אונז ביידענדעג מע נעמט אזא שיינס
ארײנס אציכטעגס אפיינס אין מען טוט דעם אזוינע שטארקע זאכען
מע שמאטיט מע לאטעס פון אלע זייטען טאמער וועט איר פרעגען וויא
זענען דיא שמאטעס איר ווייסט גאר ניט אפנים. איך האב אייך קארג
אוים גירעכענט איר ווילט נאך ווארט זשע מיר אוים אביסעל איין
אנדדריש מאל וועל איך אייך מער אוים שרייבען לאזט מיך פריער
קאנצען איך האב ווארקליך גיזעהען דיא אלע גרויסע לייט פון וועלכע
איך האב אייך דא דער ציילט טאקע אין חלום אבער נאך אזא איין
אמתין חלום דארף מען דאך ווייט זיכען אט לאזט גאר וועט זיך אייך
אויך חלומען אזוינע חלומות זייא האבען רוכטיג גילאכט פון דיא
חסידעשע נארישעוואטע גישעפטען, איך האב דא גאר גישריבען
אמויזינגע טויל, אט אין שבט לגיו כסילים דארט אויף אריינער שפראך
אויף העבריישעש איבער גיבען זייערע רייד דארט וועלען אלע נארען
גיין טאנצען אגאלאפ צום קול פון מיין דודקעלע אי אריטעלע סע וועט
זענען איבער דיא קעפ וויא אין אבאראבאן פאר שטייט איר צו מע
וועט מיך הערען צוא גיין איז ניט מיין עסק איך האב זיך אונטער
גינומען זאגען זאג איך שרייבען שרייב איך, פון וועמעס וועגען? צו
וועמין? ניט צוא אייך איר אלטע אום צייטיגע שמאטניקעס איר דארפט
זיך לאטען לייגט לאטעס נא פראפאלע נאר ניט אייך מיין איך דיא
וואנט מיין איך איך בעט אייך מחילה ניט איין מאל צעהען מאל שעלט
מיך ניט אין טאטין ארײן ניט צוא אייך איר בעלי תאווניקעס תאוה'ס
אגענטען איך ווייס דאך אז באלד ניט קיין ראמאן וועט איר ניט
לייענען צוא אייך מאדיסטען אוודאי אונז אזוי דאי ניט ווארום זשארגאן
איז דאך גאר אשאנד צוא לעזען סע איז ניט אין דער מאדע האב איך
דיא מאדע נאך פריער גיוויסט צוא וועמען דען רייד איך? צו וועמען
דען שרייב איך צוא אייך קליינע ישראליקליך וועלכע ווילען נאר
דעם אמת וועלכע זיין העכסט רעליגיאזע איין גיבילדעט פרום אונ קליג
אויך דער ציא צוא אייך רייד אויך צוא אייך זאג אויך אז די פרינצעסין
תורה מאכט אבאל אין אנטעק קומט קינדער אופין באל מיר וועלען
קיין חרטה ניט האבען דיא סטאריקעס לאזען זיך פארען בייא דער
הרובע אוים רוואן דיא אלטע ביינדליך. פראסט גירעט חזקו ונתחזקה
לאמיר זיך שטארקען צוא מאן פון אונזער פאלק וועגען לאמיר לערנען
תורה מיט חשק חכמה פלייסיג לאמער ווייזען אונזערע פיינט אויף

צלהת

צְלָחַת אַז גָארז אוּנְזֶער תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב וְשֶׁבְּעַל פֶּה אִיז נִיט פִיל מִיט
נַארִישְׁקַייט אַזוֹי וִויא זֵייא מֵיינֶען, לָאמִיר זֵייא וַוייזֶען אַז אוּנְזֶערֶע
רֶעלִיגְיֶע וֶוערְט אוּנְז נִיט זַיין קְלִיג אוּנ גִיבִּילְדֶעט גְלֵייךְ אוּנ פִילַייכְט
נָאךְ מֶער פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער! לָאמִיר זֵייא וַוייזֶען, אַז נָאךְ אִיז אַ יוּד
נִיט אַזוֹי פַאר דַארְבֶּען אִין חַארַאקְטֶער וִויא זֵייא וַוייזְט זִיךְ אוֹיס לָאזֶען
זֵייא זֶעהֶען אַז אַ יוּד קֶען אוֹיךְ מִיט הֶעלְפֶען עֶר קֶען זַיין אַגְלַייכֶער
אָרְגַאן מִיט אַלֶע אָרְגַאנֶען פוּן זַיין פָאטֶער לַאנְד, לָאמִיר זֵייא וַוייזֶען
אַז אוּנְזֶער תַּלְמוּד הֵייסְט אוּנְז נִיט גַנְבִיגֶען אוּנ גַזְלֶענֶען אוּנ אַבְּמַאנְיָוען
פְרֶעמְדֶע פֶעלְקֶער אַזוֹי וִויא עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע רוֹמִישֶׁע זְשׁוּרְנַאלִיסְטִין
שְׁרַייבֶּען אוּנ רֵיידֶען אַיין דֶעם פְּרָאסְטֶען נַארָאד לָאמִיר זֵייא וַוייזֶען אַז
תַּלְמוּד פַר וֶוערְט אוּנְז נִיט זַיין הֶעכְסְט אָבְּרַאזָאוֶועט נִיט אַזוֹי פִיל זָאגֶען
אַז כָּל זְמַן תַּלְמוּד וֶועט סוּשְׁצֶעסְטְווֶען בַּייא יוּדֶען וֶועלֶען זֵייא זִיךְ נִיט
אָבְּרַאזָאוֶוען לָאמִיר זֵייא וַוייזֶען אַז מִיט וֶוערְטֶער אִי נַאדִיעֶלְיֶע דֶעם
הֵיפֶּךְ דֶעסְט גְלַייכֶען אוּנְזֶערֶע יוּדֶען לָאמִיר וַוייזֶען אַז נִיט אַלֶע קְרִיסְטֶען
הָאבֶּען פַיינְט אַ יוּדֶען אַזוֹי וִויא נִיט אַלֶע יוּדֶען הָאבֶּען פַיינְט אַקְרִיסְט
מִיר קֶענֶען זִיךְ קוֹפֶען לִיבֶּע אֲפִילוּ בַּיים טַאוֶועל וֶוער רֶעט שׁוֹין פוּן
אַזוֹינֶע גִיבִּילְדִיטֶע לַייט וֶועלְכֶע ווילִין מִיטֶען גַאנְצֶען הַארְצִין צוּ טֵיילִין
מִיט אוּנְז דִיא פְּרַאוֶועס פוּן זֵייעֶר פָאטֶער לַאנְד אוּנ תָאמְטְשֶׁעס אִיז
דָא אַזוֹינֶע וָואס הָאבֶּען אוּנְז טַאקֶע פַיינְט בְּתַכְלִית הַשִּׂנְאָה דָאבֶּען מִיר
אַתִּירוּץ שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ׳ס וֶוערְטֶער כַּמַּיִם הַפָּנִים אֶל פָּנִים דֶער בַּייא אִיז
גְלַייכֶער וָואס וֵוינִיגֶער רֵיידֶען אַךְ מַיין הָאָרֶץ צוּא רֵייסְט זִיךְ אִין מִיר
אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ בַּאקְלֶערִינְדִיג אַז צְוִוישִׁין אוּנְז אִיז פַארַאן טוֹיזֶענְטֶער
מִיט שְׁלֶעכְטֶע מֵיינוּנְגֶען אוּנ דִיא מִצְוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ וָואס אִיז
אִי קֶוגֶען מֶענְטְשְׁלִיכְקַייט אִי אַ קֶוגֶען דֶער תּוֹרָה אוּנ וֶוען עֶס זָאל זַיין
טַאקֶע אַזוֹינֶע דִינִים וָואלְטֶען מִיר דָאךְ גִידַארְפְט אוֹיךְ נִיט טָאן דֶען
אִיר גִידֵיינְקְט לֹא נֶחְרְבָה יְרוּשָׁלַיִם אֶלָּא עַל שֶׁהֶעֱמִידוּ דִבְרֵיהֶם עַל דִין
תּוֹרָה נָאר דֶער חִילוּק אִיז זֵייעֶר חוּרְבָּן אִיז גִיוֶוען ווייל זֵייא הָאבֶּען
גִיטָאן כְּדִין תּוֹרָה אוּנ מִיר טוּאֶען שֶׁלֹּא כְּדִין תּוֹרָה וָוארוּם אִין דֶער תּוֹרָה
שְׁטֵייט זִיךְ פִּינְקְט פַאר קֶערְט נָא יִשְׂרָאֵלִיקְלִיךְ בְּנֵי יַעֲקֹבְלִיךְ נֶעמְט
זִיךְ דְרַאזְשְׁנָע! לֶערִינְט שְׁטוּדִירְט קֶענְט חָכְמוֹת קֶענְט שְׁפְּרַאךְ קֶענְט
פַאר עֶנְטְפֶערֶען אוּנְזֶערֶע אַלְטֶע זֵיידֶעס לָאמִיר קֶענֶען זַיין מֶענְטְשֶׁען
זַאסְטַאוֶוען אוּנְזֶערֶע פַיינְד מִיט גְוַואלְד זֵייא זָאלֶען וִויסֶען אַז מִיר זֶענִין
מֶענְטְשֶׁען הָאט קֵיין שְׁרֶעק נִיט לֶערִינְט תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה אוּנ טוּט וִויא
וַוייט אִיר קֶענְט הָאמְשׁ סֶע וֶועט נִיט זַיין בַּייא זֵייא אָן גִילֵייגְט סֶע וֶועט

גאר

גָאר קֵיין וָוערְט נִיט הָאבְּעןְ וואס מֶער אִיר חָוֶעט טָאן מֶער וָועלְע זַייא אַייךְ פַּיינְט הָאבְּען זַייא וָועלֶען אַייךְ בֶּענְטְשֶׁען מִיט נַייעָה נֶעמֶען פַּאלְט נִיט אַרָאפּ בַּייא זִיךְ שִׁינוּי הַשֵּׁם אִיז אֵיינְס פוּן דִיא זַאכֶען וָואס צוּ רַייסִין דֶעם גְזַר דִין פוּן אַ מֶענְטְשִׁין זַייא וָועלֶען אוּנְז מְשַׁנֶה הַשֵּׁם זַיין מִיר וֶועלֶען מְשַׁנֶה מַעֲשֶׂה זַיין אוּנ אוּנְזֶער קֵייזֶער וָועט צוּ רַייסִין דִיא גְזַר דִינִים וָואס זִיא הָאט פוּן אַיוּדֶענְס וֶועגִין נֶע סְפֶּעטְיֶע מָאלִיצְיֶע שְׁלָאפְט נִיט קִינְדֶער נֶא רִירֶעווֹדִיק סֶע וֶועט נָאךְ זַיין צַייט אוּיף שְׁלָאפִין אִין אָפּ רוּעֶן זִיךְ אוּנְזֶער וֶועג אִיז קְלַיין מִיר פָאהְרִין גִיךְ פוּן דֶעם וִויגֶעל בִּיז אִין קֶבֶר בִּיז אִין שְׁפַּאן דָארְט וֶועלִין מִיר זִיךְ אָפּ רִיעֶן דָארְט וֶועלֶן מִיר זִיךְ אוּיס שְׁלָאפִין אָבֶּער יֶעצְט כָּל זְמַן מִיר לֶעבִּין לָאמִיר נִיט רִיעֶן נֶעמְט קוּנְדֶער שְׁטֶעקְלִיךְ לָאמִיר קְלַאפִּין אוּנְזֶערִי יוּדֶען אִיבֶּער דִי קֶעפּ • אוּנ זָאלִין עֶפֶנִין דִיא אוּיגֶען זֶעהִין וָואסִיר אַ לִיכְטִיקֶע זִין סֶע שַׁיינְט אִיצְט אִיז אַ צַייט אוּיף זֶעהִין גוּטְס אִין שְׁפֶּעטִיר וֶועלִין מִיר שְׁנַייְדֶען בֶּעסֶערְס פוּן גוּטְץ שְׁרֶעקְט נִיט פַאר קֵיין שַׁאנְד קוּנְדֶער מִיט וֶועט אַייךְ ־ פֶּען אַפִּיקוֹרְסִים אָהְן סַכָּנוֹת גֵייט וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת עֶר קוּקְט טִיף אִין הַארְצִין אִיר דַארְפְט טָאהְן וָואס אוּיף אַייךְ אִיז אַרוּיף גֵילֵייגְט צוּא טָאן יֶענִיר וֶועט לַאבִין נָאךְ בֶּעסִיר דֶען אַז אִיךְ הָאבּ דָאס עֶרְסְטֶע מָאהְל אַרוּיס גִיגֶעבִּין דִיא רַייזֶע עוֹלָם הַטוֹעֶה בִּין אִיךְ גִיסְטַאנֶען פַאר טְרַאכְט וִויא אַרוּם קֶען אִיךְ וִויסֶען צוּא הָאבּ אִיךְ גִיגְרֵייכְט מַיין צֶעל דֶער וַוייל הָאבּ אִיךְ גִילֵייעֶנְט אַ בַּאסְנֶע צְווֵייא מֶענְטְשִׁין זַאנִין גִינַאנְגֶען אִין וֶועג אִין הָאבִּין גִיבְּלָאנְזֶעט אַ גַאנְצִין טָאג עֶרְסְט אַ קִיגֶען נַאכְט הָאבִּין זַייא דֶער הֶערְט הִינְט בִּילֶען אִיךְ שְׁרֶעק מִיךְ זֵייעֶר פַאר דִיא הִינְט זָאגְט אֵיינֶער אִין מִיךְ פְרֵייד דָאס עֶנְטְפֶערְט דֶער צְווֵייטֶער דֶען אַזּ אִיךְ הֶער הִינְט בִּילֶען אִיז אַ סִימָן אַז מִיר וֶועלִין קוּמֶען בַּאלְד אִין שְׁטָאט ־ מִיר בְּלָאנְזֶען נִיט מִיר גֵייעֶן מִיטֶען גְלַייכֶען וֶועג אַזוּ זָאג אִיךְ אַייךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ דֶער הֶערְט בִּילֶען אִיז אַ סִימֶען אַז אִיךְ בְּלָאנְדְזֶע נִיט אִיךְ הָאבּ גִיצִילְט אִין גִיטְרָאפִין אוּיף דֶעם הָאבּ אִיךְ ־ מִיךְ פַאר לָאסְט אִין שְׁרַייבּ וַוייטֶער שְׁרַייט שְׁרַייט אָט בַּאלְד וֶועל אִיךְ נֶעמִין דָאס רִיטֶעל אִין וָועל זֶעצִין אִיבֶּער דִי פִּיסְקָעס זַייא וֶועלִין מוּזֶען שְׁווַייגִין אִין אוּיף אוּנְז וֶועט מְקוּיָם וֶוערִין דֶער פָּסוּק וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא יחרץ ... נָא אַדְיֶע גָאט זָאל הֶעלְפִין מִיר זָאלִין זִיךְ זֶעהֶן אִין גִיכֶע צַייטִין מִיט פְרֵיילִיכֶערֶע בִּיבְלֶעךְ אִין אִיר טוּט וִויא וַוייט אִיר קֶענְט אַדְיֶע יִשְׂרָאלִיק נֶעם אָן דַיין בְּרִיף פוּן דַיין גִילִיבְּטֶער לֵייעֶן זִיא מִיט חֵשֶׁק אִין אוּסְפֶּעלְנֶע זִיא אִין גִיכֶען אַדְיֶע מַיינֶע לֶעזֶער אַדַאנְק וָואס אִיר הָאט זִיךְ מַטְרִיחַ גִיוֶועזְ אוּיס הֶערִין וָואס

אִיךְ הָאבּ אַייךְ דָא גִיפְלוּידֶערְט אַרַאנְק אִיר וֶועט מִיךְ מָעגִין רוּפֶען אַפְּיֶלְ
פְלוּידֶער זַאק הַארְט מִיךְ אוּיךְ נִיט אִיךְ וָואלְט אַייךְ דַרייקֶע נָאךְ אַבִּיסֶעי
גִיפְלוּידֶערְט נָאר אִיךְ הָאבּ קַיין צַייט נִיט לָאז זַיין אוּיף אַיין אַנְדֶער מָאל
דֶער ווַייל אַדְיֶע בְּלַייבְּט גִיזִינְט מִיר וֶועלִין זִיךְ זֶעהִין איה״ש אִין גִיכֶע
הֲגַם אִיךְ פַאר שְׁטֵייא אַז אִיר בֵּיינְקְט נִיט נָאךְ מִיר שְׁטַארְק דֶער קִינֶע
בֵּיינְק אִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַייךְ אִיךְ מוּז מִיר מִיט אַייךְ אָפְּט דוּרְךְ רֵיידִי
אַדְיֶע אַדְיֶע מַיין גִיטְרַייֶער פֶעדֶער דוּא הָאסְט מִיךְ גִידִינְט גִיטְרַייִ
אַ צִינְד לָאז אִיךְ דִיךְ פְּרִיֶעוו נָאר אוּיף אַ קִירְצֶער צַייט פַאר גֵייא נִי
וַוייט בַּאמִיר זָאלְסְטוּ בְּלַייבִּין אִין גִיכֶען וֶועלִין מִיר וַוייטֶער שְׁרַייבֶּע
לָאז דֶער עוֹלָם לַאכִין אִין מִיר וֶועלִין נָאךְ מַעֲשִׂיּוֹת מַאכִין זֵייא וִוילֶע
בַּאם גִילֶעכְטֶער בְּלַייבִּין אִין מִיר וֶועלִין הֶעבְּרֵיֶעשׁ שְׁרַייבִּין מִיר וֶועלִי
זֵייא צוּא שִׁיקֶען אִין דֶער גָאךְ רוּסִישׁ דְרִיקֶען אַדְיֶע מַיינֶע גִידַאנְקֶען
פוּן אַייךְ קֶען אִיךְ מַיין נִיט פַאר לַאנְגֶען אִיר הָאט גִיהָארִיֶועט פִיי
זִיצְט זִיא שְׁטִיל רוּעֶט אַייךְ אָפּ בַּייא מִיר אִין קָאפּ וֶוען מִיר וֶועלִין
קֶענִין ווִילִין מִיר זִיךְ צוּא דֶער אַרְבֶּעט נֶעמִין אַדְיֶע אָבֶּער דִיא גְרוֹסֶע
גָאט דִיא בַּאשֶׁעפִיר פוּן מַיינֶע גִידַאנְקֶען מִיט דִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִיט
גִיזֶעגִינֶען וֶועל אִיךְ נִיט זָאגִין אַדְיֶע דֶען דִיא וֶועסְט זִיךְ נִיט לַיידִין פוּן מִיר
וֶועסְט מִיךְ נִיט אָפּ לָאזִין אוּיף אַיין מִינִיט פוּן דַיין הַשְׁגָּחָה זַייא לֶעבִּין
מִיר אִין הֶעלְף מִיר צוּא ווִיסִין דֶעם אֱמֶת אִין אוּיבִּיג וֶועט דִיר נִיט
קֶענִיי אָפּ דַאנְקֶען דַיין קְנֶעכְט מרדכי אסטראווסקע ·

עֶנְדֶע